## וואלין אין לעבן און חורבן

# ילקוט ווהלין

## זאמלונג פון זכרונות און דאקומענטן

רעדאקטירט פון **א. אבטיחי** און **נ. ליבנה**

דריטער באנד | זאמלהעפט 20 | חשון תשכ״ו

## אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| א בריוו צו אלע וואלינער און לאנדסמאנשאפטן . | וועלט פארבאנד פון וואלינער יידנטום | 2 |
| די אויפגאבע פון „היכל וואלין״ — פארזעצן די קייט פון דורות . . . . . . | א. אבטיחי | 3—4 |
| דאס פאראייביקן גיט אונדזער לעבן א זין . . | נ. פירער | 4—5 |
| אימפאזאנטע פייערונג פון לייגן דעם גרונט שטיין פארן „היכל וואלין״ . . . . . | י. בראט | 5—6 |
| איבערלעבונגען פון א פארטיזאן . . . . . . | י. גראבאוו | 6—8 |
| אויפנאמע פאר עסקנים פון אמעריקע . . . . . | א. א־חי | 8 |
| זייט מיר מוחל, זיידעס! (סאנעט) . . . . . . | ל. אליצקי | 9 |
| **קהילות:** | | |
| זכרונות פון מאציעוו . . . . . . . . | פ. שווארץ | 10—11 |
| אליק . . . . . . . . . . | ש. צאם | 11—18 |
| זכרונות פון טריסק . . . . . . . . | ד. הררי (ב. שווארצבערג) | 18—20 |
| טראכינבראד און לאזישטש ט״ל . . . . . . | א. ברקאי | 20—21 |
| קאפאטשאוו . . . . . . . . . | מ. פעפער | 21—22 |
| די גרויסע לוצקער שול (פון קהילה פנקס) . . | ס. באררישט־גאלדבערג | 22—23 |
| אין די טעג פון פעטליוראס הערשאפט . . . . | מ. בורקא | 23—25 |
| פרוי אין ה׳ טשעקוועך שפענדן פארן „היכל וואלין״ | א. הדרי | 25 |
| **פערזענליכקייטן:** | | |
| שמחה אווערבוך . . . . . . . . . | ש. טורקעניטש־קאצמאן | 26—27 |
| יצחק גורנשטיין . . . . . . . . . | ש. שיחאטאוו | 27—29 |
| מלכה־לאה גוטמאן . . . . . . . . | י. סבוראי (סערעבריער) | 29 |
| פאמיליע אלטערקאווסקי . . . . . . . . | ד. דהרי | 30 |
| **ידיעות:** | | |
| אין דער פעדעראציע פון וואלינער יידן אין אמעריקע | | 31 |
| אין די לאנדסמאנשאפטן אין ישראל: אסטראה, הארעכאוו, טראכינבראד און לאזישטש, טרוביץ, לודוויפאל, מלינאוו־מוראוויץ, סארני, דעמידאווקע, האשטש, טשודנוב, שומסק, ראקיטנע | | 31—34 |
| יזכור — ביכער פון וואלינער קהילות . . . . | | 34 |
| די גרונט שטיין מגילה . . . . . . . . | | 35 |


ארויסגעגעבן פון וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידן • תל־אביב

# א בריוו צו אלע וואָלינער און לאַנדסמאַנשאַפטן

מיט פרייד טיילן מיר מיט אלע וואָלינער און פריינט פון אונדזער פארבאנד אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט, אז נאָך פיל הכנות אין די לעצטע 2 יאָר, טרעטן מיר איצט צו אויפבויען דעם „היכל וואָלין״. די געביידע וועט אויפגעשטעלט ווערן אין גבעתיים וואָס גרענעצט זיך מיט רמת גן, אויף א גרויסן שטח באָדן נעבן א שטאָט־גאָרטן.

ס׳איז אונדז געלונגען ביז איצט צונויפצרזאמלען פון וואָלינער יידן 25% פון דער נויטיקער סומע און מיר שטיצן זיך אויף די פארפליכטונגען פון קערפערשאפטן, אָרגאניזאציעס און יחידים אין ישראל און אין אנדערע לענדער, וועלכע האָבן זיך פארפליכטעט צונויפצוזאמלען די נויטיקע סומע אויפצובויען דעם היכל.

מיר טרעטן איצט צו אויסצופירן דעם פלאן פון אויפשטעלן א מצבה פאר די קדושים פון וואָלין, אירע קהילות און איר פראכטפולער פאַרגאנגענהייט. א הארציקן יישר־כוח אלע חברים און פריינט, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין אונדזער הייליק ווערק. מיר רופן די אלע וואָלינער יידן, וואָס זענען צעזייט און צעשפרייט אויף דער גאָרער וועלט צו שטיצן אונדז מיט ראט און טאט. עס ליגט א הייליקע פליכט אויף יעדן וואָלינער און וואָלינערין ברענגען ציגל צו דער געביידע און אזוי ארום דערפילן די היסטאָרישע שליחות וואָס מיר האָבן גענומען אויף זיך. ווער ס׳האָט זיך שוין פארפליכטעט ווערט געבעטן באצאָלן דעם חוב; ווער ס׳האָט זיך נאָך ניט דעקלארירט, ווערט געבעטן שפענדן זיין חלק לויט זיינע מעגלעכקייטן.

מיר פראָקלאמירן די אקציע פון בלעטער־אַנדענקונגס־ווערק, („דפי הנצחה״) צו פארשרייבן די נעמען פון די קדושים, צום אייביקן אָנדענק. די בלעטער וועלן געבונדן ווערן אין אלבאמען לויט שטעט און ישובים, אין אָנדענקס־זאל פון „היכל וואָלין״; צו דעם צוועק מוזן ווערן אויסגעפילט די ספעציעלע בלאנקן מיט רשימות פון קדושים. זאָל אלזאָ יעדער פון אונדז זיך צואיילן דערלאנגען זיין רשימה, כדי דערגאנצן וואָס שנעלער דאָס ווערק.

אין ישראל וועלן די שפענדונגען אָנערקענט ווערן פון מס הכנסה.

וועלט פארבאנד פון וואָלינער יידנטום

---

## ידיעות

ה׳ אלבערט פינקעל, אָ חשובער גאסט פון אמעריקע, דער זון פון באקאנטן מעצענאט יואל פינקעל ז״ל פון לוצק, קומט אין די טעג קיין ישראל. ער וועט ווײלן אפאר טעג און וועט זיין א גאסט פון וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידן אין ישראל.

בעוווסטער מעצענאט און עסקן ה׳ יוסף בערמן און פרוי פון מאנטעריאָל — אונדזערע חשובע געסט.

ברוכים הבאים!

אינזשינער ה. פּ. גריבע, וועלכער איז גוט באקאנט אלס רעטער פון הונדערטער יידן אין וואָלין בעת דער דייטשער אקופאציע, האָט געוויילט 5 וואָכן אין ישראל לויט דער איינלאדונג פון וואָלינער וועלט פארבאנד אין ישראל. ער האָט פארלאָזן די טעג ישראל אפשיידענדיק זיך פריינדליך פון די גערעטעטע דורך אים און פון דער ספעציעלער אויפנאַם קאָמיסיע.

# די אויפגאבע פון „היכל וואלין" — פארזעצן די קייט פון דורות

די וואלינער לאנדסלייט אין דער גארער וועלט, וועלכע זענען פאראייניקט אין וואלינער וועלט־פארבאנד, האבן גענומען אויף זיך א דער־הויבענע אויפגאבע: אויפשטעלן אין ישראל דעם „היכל וואלין" — א קולטור־הויז צו פאראיי־ביקן דאס וואלינער יידנטום, אירע קהילות, קדושים און רומפולן עבר. זייט דער קא־טאסטראפע פון די יארן ה' תש"א—תש"ד, בעת וועלכער ס'זענען אומגעבראכט געווארן די ווא־לינער יידן און אלע זייערע אלט־געזעסענע קהילות, זיינען אפילו שוין געמאכט געווארן געוויסע שריט און באמיהונגען צו פאראייביקן דעם זכר פון וואלינער יידישע קהילות. אבער די פארבליבענע רעשטלעך האבן נישט אויפ־געהערט צו שטרעבן אויפשטעלן ווייטערדיקע פעסטערע מאנומענטן, וועלכע זאלן אפהיטן און איבערגעבן פאר די קומענדיקע דורות לכל הפחות עטוואס פון דער ספעציפיש — וואלינער יידיש — נאציאנאלער אטמאספער און טראדי־ציע און דאס אויך דער יונגער דור, וועלכער האט נישט געקענט וואלין און דעם גלות בכלל, זאל זיך מיט די אנדענק־ווערק פאראינטערעסירן.

אין דעם „היכל וואלין" זאלן געזאמלט און קאנצענטרירט ווערן די היסטאריע־מאטעריאלן פון גאנצן וואלינער יידנטום (פון סאוויעטישן און פוילישן טייל). דערפאר באטייליקן זיך אין דער אקציע וואלינער לאנדסלייט פון אלע שיכטן, שטרעמונגען און אנשויאונגען, איינשליי־סענדיק אויך פון יונגן דור, וועמען דער באגריף גלות איז אינגאנצן פרעמד. די אויפפאסונג פונם גלות דורך אונדזער יוגנט און איר באציאונג צום גלותדיקן עבר פאדערן געוויסע אויפקלע־רונגען און ס'איז נויטיק זיך דערויף אפשטעלן אין ליכט פון דער יידישער ווירקלעכקייט סיי אין די תפוצות אזוי אויך אין ישראל.

מיר מיינען דערמיט דאס נעגירן דעם יידישן עבר אין די לענדער וו מיר האבן געלעבט און אין משך פון פיל־פיל דורות געוועבט אנאציאנאל־יידישן רומפולן לעבן, טראץ אפילו געוויסע נעגאטיווע דערשיי־נונגען און דערנידערונגען צוליב די באדינגונ־גן פון דער צייט און ארט און באזונדערס צוליב דער רעכטלאזיקייט, באגרענעצונגען, אונטערדריקונג, פאראכטונג א.א.וו. אין געוויסע אייראפעישע לענדער. אין די א. ג. זעטיקע לענ־דער שטעקט די סיבה פון טיילווייז נעגאטיוון יידישן עבר אין דער פרעמדער סביבה און אויך אין דער השפעה פון דער קולטור פון די אנדערע פעלקער, וועלכע האבן געווירקט אויפן יינגן דור און אים דערוווייטערט פון זיין אפשטאם־קוואל. דא אבער אין ישראל הענגט די שולד אין א היבשער מאס אויף אונדז אליין — אויף די מענטשן פון דער צווייטער, דריטער און אפילו פערטער עליה, וועלכע, אפטרייסלענדיק זיך פונ'ם גלות־לעבן, האבן עולה געווען אלס חלוצים צו בויען אין אונדזער לאנד אנייעם לעבן פון א פרייער געזעלשאפט, באזירט אויף נאציאנאלע יסודות. מיר האבן אבער, אראפווארפנדיק דעם נעגאטיוון גלותדיקן עבר, נישט געפונען פאר נויטיק צו באליבן ביי אונדזערע קינדער די פאזיטיווע ירושה פון פריערדיקע דורות. ס'איז אלזא נישט קיין ווונדער, וואס די סאברעס, וועלכע זענען דא אין לאנד געבוירן געווארן און אויך די וועלכע זענען אהער געקומען ווי יינגע קינדער און זענען דא אויפגעוואקסן און דערצויגען געווארן, קערן זיך אפ פון טראדיציעס, וועלכע זענען דורך אונדזער פאלק געהייליקט געווארן פון דור־דורות און שפאטן אפילו פון מנהגים, וועלכע זענען בז זייערע עלטערן די צווייטע נאטור. אזוי ארום ווערט צושטערט די קייט פון דורות און ס'שטעלט זיך אויף א וואנט פון שמערצליכע מיספארשטענדענישן צווישן דעם אוועקגייענ־דיקן און קומענדיקן דור.

די פרווון איינפלאנצן ביים יינגן דור דאס געפיל פון אחדות פון אונדזער פאלק אין אלע לענדער און ערטער וו דער גורל האט אים צו־שפרייט דורך אפהיטן די גייסטיקע אוצרות,

וועלכע דאס פאלק האט געשאפן און געזאמלט שטופנווייז, האבן זיך ביז יעצט נישט איינגעגעבן. נאכמער די אלע נסיונות האבן אנגעטראפן אויף באוווסטזיניקער קעגנערשאפט און פרעמדקייט צו די פאלקס־קנינים. אזוי ארום ווערן פארטושט און אפגעמעקט די טראדיציעס פון אונדזער רומפולן עבר, וועלכער האט אונדז אפגעהיט אין פארלויף פון לאנגע דורות. מיר זעען אונדזער יינגן דור, ווי ער שטייט שלאנק, פריי פון פאראורטיילן און פון גלות־לאסט און מיר שטאלצירן מיט אים. מיר לייגן אויף אים אלע אונדזערע האפנונגען און מיר זענען זיכער אז ער וועט אונדז נישט אנטוישן. גלייכצייטיק אבער טארן מיר נישט פארמאכן די אויגן אויפן שמערצליכן פאקט אז ס׳פעלט אים דער עיקר: דער גייסטיקער קאָנטאקט מיטן גרויסן עבר פון אונדזער פאלק אין די תפוצות, וועלכער האט זיך מוסר־נפש געווען ביים אפהיטן די דורות־קייט, זי זאל נישט איבערגעריסן ווערן. אריינפלעכטן דעם היינטיקן יינגן דור און דורך אים — די קומענדע דורות אלס נייע שטארקע רינגען אין דער לאנגער קייט פון אונדזער פאלק, איינפלאנצן אין אים די טראדיציאנאל־נאציאנאלע ווערטן, מיט וועלכע מיר שטאלצירן. אט אין דעם זעען מיר איינע פון די וויכטיקע אויפגאבן פון אונדזער דור.

דער „היכל ווהלין” וועלכער וועט אויפגעשטעלט ווערן אלס דאנקמאל פאר דעם וואלינער יידישן שבט, פאר די קדושים פון דער נאצי־קאטאסטראפע און פאר די גדולים פון דער תורה, גייסט און געדאנק, וועלכע האבן געלעבט און געשאפן אין וואלין, וועט דינען אלס צענטער פון יידישער קולטור און גייסט, וועלכער וועט פארבינדן דעם היינט מיט דער פארגאנגענהייט און מיט דער צוקונפט. ער וועט זאמלען אלץ וואָס האָט א היסטאָרישע באדייטונג און ס׳איז נאָך פארבליבן און אפגעראטעוועט געוואָרן פונ׳ם יידישן וואלין און ער וועט בעאיינפלוסן ניט נאָר די אפשטאמענדיקע פון וואָלינער געביט און דער גאנצער וועלט, זייענדיק פאר זיי א פאלק, צו וועלכן זיי וועלן שטענדיק קענען זיך ווענדן, נאָר ער וועט אויך שטויסן צו נייער שאפונג, אין וועלכער ס׳זאלן זיך צוזאמענבינדן די מעשים פון דורות אונטער דער ווירקונג פונ׳ם עבר מיט׳ן בליק אויף דער צוקונפט.

האבנדיק פאר אונדזערע אויגן דעם דאזיקן ציל, זיינען מיר זיכער אז מיר וועלן בייקומען אלע שוועריקייטן און מיט אט דער זיכערקייט טרעטן מיר צו רעאליזירן אונדזער הייליקע אויפגאבע — אויפשטעלן דעם „היכל וואלין” אין ישראל.

אריה אבטיחי

# דאס פאראייביקן גיט אונדזער לעבן א זין

ה׳ נתן פירער, פון ברוקלין, ניו יאָרק, איז פאָרזיצער פון דער פעדעראציע פון וואָלינער יידנטום אין אמעריקע. מיר ברענגען דאָ אויסצוגן פון זיין בריוו צו חברים אין ישראל.

...מיט א געפיל וואָס קען אין די היינטיקע שווערע צייטן מאכן אביסל גרינגער אויפן הארצן, האָט געווירקט אייער בריוו וועגן היסטאָרישן טאָג פאר אונדז פון לייגן דעם גרונטשטיין פאר „היכל וואָלין” (ט״ז תשרי תשכ״ו) מיר זאָלן דאָ אלע קענען מאכן „שהחיינו”.

...שוין א לענגערע צייט, אז וואָלינער יידן אין אמעריקע, אין ישראל און אומעטום טראכטן ווי אזוי צו פאראייביקן אונדזער פארשניטענעם וואָלינער יידיש לעבן. יעדער באזונדער האָט זיך ארומגעטראָגן מיטן געדאנק א לאנגע צייט, זינט דער היטלער־קאטאסטראָפע. א געדאנק און א בענקשאפט וואָס גיט אונדזער לעבן א זין. ...אָן דעם געפיל צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזערע קדושים, וואָלט פאר אונדז ניט געווען קיין זין צו אָנגיין מיטן לעבן. מיר וואָלטן זיך געפינען שולדיק פאר דור־דורות און אייביק פארשעמט. דער דראנג צו פאראייביקן דעם

אַנדענק פון וואָלינער יידנטום אויף א וירדיקן אופן און זאָל בלייבן אין דער געשיכטע לדורות, האָט אונדז אלע וואָלינער פון אומעטום צוזאמענגעשמאָלצן ווי איין גרויסע משפחה.

...דער היכל וועט זיין די סימבאָלישע מצבה, נאָך אלע וואָלינער קדושים, נאָך די עטלעכע הונדערט וואָלינער קהילות. דאָס געוועזענע וואָלינער יידיש לעבן, גייסט, קולטור און פארגאַנגענהייט, וואָלינער גדולים, שעפער און פאָלקס־מענטשן.

דער געדאנק צו פארשפרייטן די וויכטיקייט פון „היכל ווהלין" אלס דענקמאָל פון אומגעבראכטן יידישן וואָלין, איז ביי אונדז אין אמעריקע אָנגעקומען שווער, ביז ס'האָט זיך סוף־כל־סוף אויסגעקריסטאליזירט א גרופע טייערע חברים פארוואלטער אין דער „פעדעריישן פון וואָלינער יידן" אין אמעריקע. ביי דער געלעגנהייט דערלויבט דערמאָנען עטלעכע נעמען: ד"ר מאקס גיבער, מאָריס בעל, מרס. און מס. שלום מעלניק, אברהם געפטער, יעקב עלבירט, דוד שיינטאָפּ, יצחק פינקל, אברהם גערשנזאָן, אייזיק שיפריס, מאיר טובלין, שמואל שניטער, סעם קוטשער, בן־טשאפניק, סילוויא גאָלדענבערג און פיל אנדערע, וועלכע שטייען מיט אונדז פון אָנהויב אָן און וועלן נישט אָפּטרעטן ביז מיר וועלן אי"ה דערגרייכן דעם ציל. א ספּעציעלן פלאץ אין אונדזער באוועגונג פארנעמען די דריי הערן־מיטגלידער, די טייערע חברים: פּראָפעסאָר רבי משה צוקער, יחיאל דובעקירער און ריימאָנט גאבינער.

...דער געפיל, אז אויב מיר, דער עלטערער דור וועט נישט באווייזן צו פאראייביקן די לאנגע צאָל דורות וואָלינער יידיש לעבן, וועט מען דאָס שוין אפשר קיינמאָל נישט טון — האָט געווירקט און איבערצייגט די וואָלינער אין דער וויכטיקייט פון העלפן אין דעם ציל... פאר מיר, אלס יושב־ראש פון וואָלינער יידן אין אמעריקע, איז טראָגט דעם צער פון די אומשטענדן, א כבוד צו זיין א שותף מיט אייך.

... מיר וועלן מיט אייך מיטארבעטן אין דער הייליקער ארבעט ווי ברידער און שוועסטער, ביז דער היכל וועט אויפגעבויט ווערן. מיר בעטן ביים רבש"ע, אז אויך מיר אין אמעריקע, די עסקנים לטובת דעם „היכל ווהלין", זאָלן זוכה זיין צו דערלעבן און זען מיט אונדזערע אויגן, צוזאמען מיט אייך, אָן אויפגעבויטן ווירדיקן „היכל ווהלין" במהרה בימינו, אָמן. אייער

נתן פירער

## אימפּאזאנטע פייערונג פון לייגן דעם גרונט שטיין פארן „היכל וואָלין"

דינסטיק נאָכמיטאָג, דעם ערשטן טאָג חול־המועד סוכות (12.10.1965), איז אין גבעתיים פאָרגעקומען די פייערלעכע צערעמאָניע פון לייגן דעם גרונטשטיין פארן „היכל וואָלין".

צו דער דאָזיקער צערעמאָניע זענען געקומען העכער 700 פערזאָן, פון וואָלינער לאנדסמאנשאפטן אין ישראל און פון אמעריקע.

דער פאָרזיצער פון וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידנטום ה' צבי בערגער האָט אין נאָמען פון פארבאנד געעפנט די פייערלעכע צערעמאָניע און גערופן צו באערן מיט צוויי־מינוטיקן שטילשווייגן די קדושים פון וואָלין און געהאלטן א ווארים דערעפענונגס - ווארט.

ה' אריה אבטיחי, דער מיטגליד פון דער הויפּט־לייטונג האָט גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון „היכל וואָלין", — וואָס עס וועט זיך געפינען אין דאָזיקן פאראייביקונגס־הויז. נאָך אים האָט א צווייטער מיטגליד פון וועלט־פארבאנד, ה' משה בורקא, דערציילט וועגן דעם, וואָס עס איז שוין אויפגעטאָן געוואָרן אויפן געביט פון פאראייביקן די וואָלינער קדושים — דורך בויען דעם „היכל וואָלין". זיין באדייטונג אין צוזאמענהאנג מיט דער פארגאנגענהייט און געשיכטע פון וואָלינער יידנטום.

עס זענען פאָרגעלייענט געוואָרן באגריסונגען פון אמעריקע, פראנקרייך, אויסטראליע און

פארשידענע אינסטיטוציעס און פערזענלעכקייטן אין ישראל, צווישן אנדערע פון ה׳ נתן פידער, פרעזידענט פון פעדעראציע פון וואָלינער יידנטום אין אמעריקע, פון דער פעדעראציע, פון וואָלינער קאָמיטעט אין אויסטראַליע און פון ה׳ רעצעפּטאָר פון פראנקרייך.

דער קאסירער פון פארבאנד, ה׳ זאב האפטער האָט איבערגעגעבן, אז ביז איצט איז שוין געזאמלט געוואָרן א פערטל מיליאָן לירות פארן בויען פון „היכל״ (א העלפט אין פארפליכטונגען).

דער שרייבער ה׳ יוחנן טווערסקי האָט גערעדט וועגן וואָלינער יידנטום, דערמאָנט די גרויסע ביישטייערונג — אויף אלע געביטן — פון דאָזיקן שבט פארן וועלט־יידנטום און פאר דער וועלט בכלל.

עס האָבן באגריסט: ה׳ שמעון בן־צבי — דער ראש העיר פון גבעתיים; אין נאָמען פון דער וואָלינער פעדעראציע אין אמעריקע — ה׳ יוסף סודאק און ה׳ בצלאל קרעוועגס מיט א פייערלעכן צוזאָג מיטהעלפן אין אמעריקע דאָס אויפבוי פון „היכל״. באגריסונגען פון אדוואָקאט ה׳ דרורי (פון קאָוועל) און אנדערע. ה׳ יוסף טאבאטשניק (יידיש) און ה׳ משה בורקא (עברית) האבן איבערגעלייענט די אונטערגעשריבענע מגילה.

די פייערונג האָט בייגעוווינט דער חסיד אומות העולם, ה׳ גרעבע, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן מיט שטורמישע אָוואציעס. אינזשיניער גרעבע האָט אין דער צייט פון דער נאצי־אָקופּאציע אין וואָלין געראטעוועט הונדערטער יידן.

ה׳ גראבאָוו האָט אין נאָמען פון דער לייטונג איינגעלאדן די געסט פון אמעריקע און פאָרשטייער פון די לאנדסמאנשאפטן צו דער צערעמאָניע פון באהאלטן די מגילה אין ווינקלשטיין פון „היכל״.

דער מגרש פארן אויפשטעלן דעם היכל איז געשענקט געוואָרן דורך דער שטאָט־פארוואלטונג אין גבעתיים. אויף דעם מגרש וועט אויפגעשטעלט ווערן א בנין, ווו ס׳וועט זיך געפינען א גרויסער זאל פון 600 פלעצער אין צענדליקער צימערן פאר פאראייביקן די קהילות פון וואָלין, וואָס דער נאצישער צורר האָט פארניכטעט.

דער „היכל וואָלין״ איז א ברייט־דורכגעקלערטער פלאן צו פאראייביקן די קהילות פון וואָלין. דער וועלט־פארבאנד האָט ביי דער געלעגנהייט אפּעלירט צו די וואָלינער אין דער גאנצער וועלט צו העלפן רעאליזירן די דאָזיקע גיגאנטישע פאראייביקונגס־אקציע.

מיט „התקוה״ פון גאנצן קהל און אָרקעסטער פון גבעתיים האָט זיך געענדיקט די פייערונג.

י. בראָט

# איבערלעבונגען פון א פארטיזאַן

אין דרויסן פערכמארעט. אַ דראבנער רעגנדל איז געגיין. כ׳בין געזעסן אין דער גרוב וואס כ׳האב געמאכט ארום א אלטן ברייט פארצווייגטן בוים און גערייניקט מיין ביקס וואס כ׳האב נישט לאנג דערהאלטן ווען מען האט מיר צוגענומען אין די רייען פון די פארטיזאנער, וועלכע האבן געקעמפט אונטער דער אנפירונג פון גענעראל „דיאדא פעטיא״. אונדזער אפעראציע קרייז איז געווען א ברייטער און איבערהויפט אין די וועלדער פון וואלין און פאלעסיע. כ׳בין געווען דער איינציגער ייד אין דעם גאנצן אפטייל. (דערנאך האב איך זיך דערוווסט אז אויך דיאדא פעטיא איז א ייד פון מאסקווע).

די נאכט האט אנגעהויבן צופאלן און מיין ביקס האט געגלאנצט פון ריינקייט. כ׳האב איר געגלעט און צוגעדריקט צו מיין הארצן ווי א מאמע דריקט צו איר ליב קינד. מיין טרוים ווערט פארווירקליכט. כ׳וועל נקמה נעמען פאר דעם פארגאסענעם אומשולדיקן בלוט פון מיינע טייערסטע און ליבסטע, און פאר מיינע אויגן

איז אויסגעוואקסן מיין שטעטל ראטנע, מיין היים, מיינע עלטרן און שוועסטער און אלע ראטנער יידן...

אזוי טראכטענדיק האב איך דערהערט דעם געראַוויש פון זיך ברעכנדיקע צווייגלעך און כ׳האב דערהערט די טריט פון א מענטשן ארום מיין ניארע, מיט פארזיכט האב איך ארויסגעשטעקט דעם קאפ און כ׳האב פאר זיך דערזען מיין פריינט אונישטשוק וועלכער האט מיר געזאָגט אז דער קאמאנדיר האט פאראָרדנט אז כ׳זאל מיך צושטעלן אין דער קאמענדאנטור.

נעמענדיק די ביקס אויף מיין אקסל האבן מיך זיך געלאזט גיין אין דער ריכטונג פון דער קאָמענדאַנטור.

דער קאמאנדיר „דיאדא פעטיא" האט זיך צו מיר גלייך געווענדעט און צו מיר אזוי געזאגט: מיר האבן באשלאסן צו מאכן א פארזוך אויף צו קריגן עטליכע „ציגנער" און אויף דיר, יאשקא, וועלכער קענסט גוט די ארומיגע געגנט, לייגן מיר ארויף אט די אויפגאבע. ער האט גענומען מיין ביקס אין זיינע הענט און זי גענוי בעטראכט און זיך ווענדנדיק צו מיר האט ער מיר געזאגט: „קלייב זיך אויס א פארטיזאן אלס באגלייטער". און צוריק געבענדיק מיר די ביקס האט ער מיר געוואונטשן דערפאלג. אונישטשוק האט זיך גלייך פארגעלייגט צו זיין דער באגלייטער. אויך ער האט געהאט א גרויסן חשבון מיט די רוצחים און מיט אים בין איך געווען זיכער...

ווען מיר זענען ארויס פון דער קאמענדאנטור איז אינדרויסן געווען א טיפע פינסטערניש און דער רעגן האָט געהאלטן אין איין גיסן און ווי דינע שטעכיגע נאדלען געקראכן דורך דעם קראגן אויף דעם הייסן לייב.

מיר זענען געגיין איינער נעבן צווייטן אין דער ריכטונג פון דארף בירקע וואס איז באריכטעט געווען אלס נעסט פון אוקראינישע מערדער און מיטהעלפער פון די דייטשן, און דאס דארף האט אויך געדינט אלס באזע פאר די באנדעס.

מיינע געדאנקען זיינען געווען ווי אזוי מצליח זיין און טרעפן איינעם פון די פויערן פון אט דעם דארף און פון אים זיך צו דערוויסן וואס איז געשען אין די לעצטע טעג. שא־שטיל זענען מיר געגיין אין דער פינסטערניש פון דעם וואלד, ווי פלוצים האב איך פאר זיך דערזען א שווארצע פיגור זיצענדיק אויף א שטאם פון א אפגעשניטענעם בוים. כ׳בין געבליבן שטיין אויף מיין ארט און צוציענדיק צו זיך מיין חבר אונישטשוק האב איך אים אין דער שטיל אנגעוויזן אויף דער ריכטונג ווי די געשטאלט איז געזעסן, א ווײַלע זענען מיר ביידע געבליבן פארטראכטע, מיינענדיק אז דאס קען זיין עמיצער פון די באנדעראוועצעס, מיינע הענט האבן געהאלטן פעסט די ביקס און די פינגער האבן געזוכט די האנט גראנאטן וועלכע זענען געווען פארשטעקט אין גארטל. אזוי זענען מיר געבליבן שטעהן א מינוט וועלכע האט זיך געצויגן א אייביקייט... אונישטשוק איז געבליבן שטיין אויפן ארט און איך האב מיך דערנענטערט נאך אפאר טריט צו דער זיצענדיקער פיגור און צו מיינע אויערן זענען דערגאנגען דער אפקלאנג פון שטילן תהילים זאגן און דער ניגון. א באקאנטער ניגון... דער ניגון פון מיין טאטן... און דאס קרעכצן פון א פארצווייפלטן מענטשן... כ׳בין צו נענטער און א ווילדער געשריי האט זיך ארויסגעריסן פון מיר: טאטע, טאטע! און כ׳בין צוגעפאלן צו זיינע פיס... מיין פאטער האט מיך נישט דערקענט נאר געמורמלט מיט א שוואך קול: בתיה, בתיה פארוואס האסטו מיך פארלאזט...

אונישטשוק איז געשטאנען ארום מיך און האט געציטערט פון אויפרעגונג, ער האט גוט געקענט מיין פאטער. כ׳האב ארונטערגענומען מיין מיליטערישן מאנטל און ארויפגעלייגט אויף מיין טאטנס אקסל, כ׳האב אנגענומען זיינע דאַרע הענט וועלכע זענען געווען באדעקט מיט אפענע ווונדן און זיי געקושט, טאטע, טאטע דאס בין איך דיין יונגסטער זון יעקב־לייב. מיין פאטער האט אויף א מינוט אויפגעעפנט זיינע אויגן און טרערן האבן זיך געגאסן אויף זיין בארד וועלכע איז אין די לעצטע מאנאטן ווייס געווארן ווי שניי. ער האט מיך ארומגענומען און צוגעדריקט צו זיך און גע־

זאגט פארוואס האב איך געפאלגט דיין מאמען, פארוואס האב איך זיך געלאזט איבעררעדן און ניט געגיין צוזאמען מיט איר און מיט פייגען און פנינהן צו דער גרוב, בתיה, בתיה פארוואס האסטו מיך פארלאזט... כ׳האב געבעטן אונישטשוקן ער זאל גיין אויסגעפונען א שטוב ווו מיר זאלן קענען אהין אריינברענגען מיין טאטן, און ביז וואנען ער האט זיך אומגעקערט האָט מיר מיין פאָטער דערציילט וואָס מיט אים איז געשען אין פארלויף פון דער צייט וואס איך האב פארלאזט די שטוב.

אפאר טעג פאר י״ג אלול האט מען אין ראטנע געפילט אז עפען גייט געשען, די פאליציי סטאציע איז פארשטארקט געווארן מיט אוקראינישע פאליציי, מיר האבן געמיינט אז די דייטשן גרייטן זיך קעגן א איבערפאל פון די פארטיזאנער ווי דאס איז געשען מיט א פאר וואכן צוריק, און אלס רעזולטאט זענען געהרגעט געווארן עטליכע דייטשישע פאליציי לייט און אלס נקמה האבן זיי אויסגעשאסן 120 פון די יינגסטע מענער פון שטעטל. אבער דאסמאל איז געוועזן זייער ציל צו ליקווידירן די יידישע באפעלקערונג אן אויסנאם.

מיר זענען געזעסן אין שטוב. די מאמע, ביידע מיידלעך אוו איך און געווארט אויף די נאענסטע טעג. און דאס הארץ האט נישט אפגענארט. דאס שרעקליכסטע איז געקומען, דייטשן מיט דער מיטהילף פון אוקראינער זענען געגיין פון שטוב צו שטוב און ארויסגענומען אלע יידן, אלטע און קינדער, קראנקע און פרויען. די מאמע זעענדיק וואס ס׳קומט פאר, האט מיך אריינגערופן אין צווייטן צימער און האט צו מיר אזוי געזאגט: „פסח, ווען מען וועט אונדז ארויסנעמען, וועסטו ארויסגיין דורך דער צווייטער טיר און אוועקלויפן, דו מוזט לעבן בלייבן, דו וועסט אוועק אין וואלד צו דיינע זין דוד און יעקב־לייב, און צוזאמען וועט איר נקמה נעמען פאר אונדזער אומשולדיג פארגאסענעם בלוט. געדענק איר זאלט נקמה נעמען״. איך האב דיין מאמען געפאלגט. ווען מ׳האט זיך דערנענטערט צו אונדזער הויז בין איך ארויס אינדרויסן און דורך די גערטנער בין איך צוגעקומען צום טריסקער שטיבל. כ׳בין ארויף אויף דעם בוידעם און דארטן בין איך געוועזן א טאג מיט א נאכט. כהאב געהערט די שיסערייי, כהאב געהערט דאס געוויין...

מיין פאטער איז אנטשוויגן געווארן, כהאב געפילט אז ער פיבערט פון היץ. נאר פון מאל צו מאל האט זיך פון זיין מויל ארויסגעריסן א געשריי „בתיה פארוואָס האָב איך דיר געפאלגט, בתיה פארוואס האסטו מיך פארלאזן?״ און איז ענטשוויגן געווארן...

יעקב גראבאָוו

## אויפנאמע פאר חברים עסקנים פון אמעריקע

א פייערליכער אויפנאמע־אוונט ביי געדעקטע טישן פאר חברים־געסט פון אמעריקע, ה׳ בנימין גאבינער, הערן־מיטגליד פון פעדעראציע פון וואלינער אין אמעריקע און אלג. סעקרעטאר פון ארבעטער־רינג דארט און ה״ה יוסף סודאק און בצלאל קרעווענס, פרעזידענטן פון ראוונער און טשודנאווער „סאסייטי׳ס״ אין ניו־יארק און אַדוו. און פרוי גרינבערג — איז פארגעקומען אנהויב סעפטעמבער ה. י. אין „בית ציוני אמעריקה״ אין תל־אביב, מיט דער בעטייליקונג פון אלע צענטראל מיטגלידער פון וועלט־פארבאנד פון וואלינער יידן אין ישראל און צענדליקער פארשטייער פון וואלינער שטעט און זייערע פרויען.

ס׳זיינען געהאלטן געווארן ווארימע רעדעס פון אלע צדדים, וועלכע האבן צוגעזאגט טון אלץ לויט זייערע מעגליכקייטן, און איבער זייערע מעגליכקייטן, אום צו פערשנעלערן און פערזיכערן דאס אויפבויען פון היכל וואלין, כדי צו פאראייביקן דעם אנדענק פון וואלינער יידנטום, קהילות און קדושים. ביי א דערהויבענער שטימונג און „התקוה״ פון אלע אנוועזנדע איז דער באנקעט געשלאסן געווארן.

א. א־חי

ל. אַליצקי

# א, זייט מיר מוחל, זיידעס!

**צום ברודער ברוך, הי״ד**

צוליב דיין טויט — דיר זענען אלע זינד פארגעבן,
וואָס האָסט פאַרבראָכן קעגן דיינע זיידעס, כ׳ווייס.
אויף וויפל אָבער ביסט אין מיר געבליבן לעבן,
דו קלאפסט אין הארצן זיך על-חטא און שעפטשעסט הייס:

„זייט מוחל, זיידעס! — כ׳האָב געהאַט א בייזן רבין:
דעם קריג; מיין סידור — אותיות בלוט אויף גרויער נויט;
געזען כסדר פאר די אויגן מעכטיק שוועבן
מיט פליגל שווארץ-צעשפרייטע אויף מיין נעסט דעם טויט...

„איך האָב געחלומט פון א וועלט א ניי-געבויטער,
וואָס, ווי א טרערל פון א קינד, איז שיין און לויטער,
און בין אויף אייער הערלעכקייט פארבליבן בלינד;

„האָב נישט דערזען: מיין שטרעבונג איז — פון אייך ירושה,
און זיך מיט אייך געראנגלט הפקרדיק, אָן בושה. —
אָ, זייט מיר מוחל, זיידעס, מיינע בלינדע זינד!...״

**גבעתיים, מערץ, 1964**



# קהילות

## זכרונות פון מאציעוו

שוין פערציק יאר אז איך האב פארלאזט מיין שטעטעלע און ס'איז אלץ אייסגעקריצט אין מיין זכרון און אין האדצן. נאך דער ערשטער וועלט מלחמה האָט דאס לעבן אין שטעטל זיך פיל געענדערט פון געזעלשאפטליכן און נאציאָנאלן שטאנדפונקט, די קינדער האבן איינגעפירט דאס רעדן עברעייש. נאך זיי די יוגנט. ס'האט זיך געשאפן א אגודה „עבריה", וואס איר לאזונג איז געווען „דבר עברית". ס'האבן זיך פונדאסנייע ארגאניזירט ציוניסטישע אגודות: דער מזרחי, דער השומר הצעיר און נאך זיי די התאחדות און החלוץ, און פון אלע שטרעמונגען האט מען זיך געלאזט לערנען פאכן, כדי עולה זיין קיין ארץ־ישראל. אממיינסטן האט מען געארבייט אין די גארבארנעס פון גוז. די שטרעבונג צו ציוניזם און צו ארץ־ישראל איז געווען גרויס.

דער נאציאנאלער געדאנק אין שטעטל האט ארונגענומען כמעט די גאנצע יוגנט, אלע האבן געוואלט פארן קיין ארץ־ישראל, אבער דער מאנגעל אין סערטיפיקאטן האט ניט דערמעגליכט פארווירקליכן דעם חלום. ניט האבנדיק קיין אנדער ברירה האבן פיל עמיגרירט אין אנדערע לענדער מיט דער האפנונג זיך דערלאנגען פון דארט קיין ארץ־ישראל, אבער ניט אלעמען איז דאס געלונגען.

צווישן אונדזער ציוניסטישער יוגנט איז געווען משה טשערניאק, דער זון פון ארטיקן רב, און די בעסטע בחורים און מיידלעך. אויך פון די פאלקס שיכטן האבן פיל זיך אנגעשלאסן אן דער ציוניסטישער באוועגונג און מיטגעארבייט מיט אונדז. די יוגנט האט אריין געבראכט דעם ציוניסטישן אידעאל אין די הייזער און די חסידישע מאצייעוו געווארן א ציוניסטישע.

די חנוכה אוונטן און אנדערע פארוויילונגען פון יוגנט זענען געבליבן טיף אין זכרון, אבער נאך מער — די פייערונגען פון ל"ג בעומר. פון פסח ביז ל"ג בעומר זענען געמאכט געווארן פיל פארברייטונגען צו דער פייערונג וועלכע איז פערוואנדלט געווארן אין א מסורת. דאס איז געווען נאך דער באלפור דעקלאראציע. געווען ענטוזיאזטיש געשטימט און געחלומט פון ציון. מיר האבן זיך געזען שוין אין אונדזער לאנד, ענדליך צו די מכבים בויען דאס פאטערלאנד פאר'ן פאלק. כ'געדענק ווי מיר האבן געפייערט ל"ג בעומר:

פון פרימארגן אן האבן זיך געצויגן די קליינע קינדער פון בית־הספר און פון די חדרים, אנגעטאן אין בלוי־ווייס, צו דעם באשטימטן פלאץ. נאך זיי האבן זיך באוויזן די צופים און דער השומר הצעיר מיט זייערע פענער. באלד קומען אן די חברים און חברות פון דער „עבריה" אויסגעפוצט מיט בלוי־ווייס באַנדן און די פושקס פון נאציאנאל פאנד, און זיי פארטיילן בלומען אלע דורכגעהענדע. דאס אלץ איז געווען אונטער שטימונג פון ציוניזם און ווי אטריט צו ארץ־ישראל. אלע האבן געפילט דעם טאג ווי אגרויסער נאציאנאלער יום־טוב.

באלד זעהט מען מארשירן אין שפיץ פון די שילערס פון בית־הספר דעם ד"ר באקאליאר מיט מנחם דייטשער, אנגעטאן יומטובדיק און אין א פייערליכער שטימונג. דאס גאנצע שטעטל איז ארויס זעהן די גרויסער פראצעסיע, און אפילו ניט יידן האבן זיך אפגעשטעלט און צוגעזעהן מיט קינאה דעם ארגאניזירטן יידישן כוח. „באמת אזעלכע זיינען פעייק בילדן דאס מיליטער פון פאלעסטינא", האט באמערקט איינער פון די צוזעהער, א קריסט. פאטערס און מוטערס זענען געגאנגען אין דער זייט און בעגלייט די פייערונג, וועלכע איז ארויס צו דעם קאוולער שאסיי. אט זענען זיי דורכגעגאנגען דעם קריסטליכן סעמינאר, און די סעמינאריסטן זענען ארויסגעלאפן קוקן. אזוי זענען די מארשירער צוגעקומען צו די זאמד־בערגלאך און צום וואלד נאך די פעלדער, דארט האבן זיי

אויפגעשטעלט א צייטווייליקן לאגער און יעדער גרופע האָט באשיינט א ווייס־בלויע פאהן. אריין ספארטיוועררויסטרעטונגען און גע־זאנג פון פון קינדער און דערוואקסענע האבן ארום געגומען דעם פלאץ. די לערערס האבן געהאלטן רעדעס, דערמוטיקט און גערופן זיין גרייט גיין בויען און פארווירקליכן דעם חלום. מ׳האט געשמועסט וועגן דער פייערונג אומעדום און אפילו אין שול ביי דאווענען.

זיך אפגעבענדיק דער ציוניסטישער טע־טיגקייט פון „התאחדות״ זענען מיר געווען פארבונדען מיט אלע ציוניסטישע קרייזן, און מיר האבן ניט געפילט קיין רייסעניש פון פאר־טייען, פארקערט אין אייניקע ריכטונגען האבן אלע ציוניסטישע גרופן געארבייט צוזאמען (למשל פאר די פאנדן א.א.) די עלטערע ציו־ניסטן האבן אפגעשאצט געהעריק די ארבעט פון די יוגנט־חברים, און אזוי ארום האט זיך געשטארקט די נאציאנאלע־ציוניסטישע ארבעט אין אונדזער שטעטל, אבער די שטרעבונג עולה זיין קיין ארץ־ישראל איז אפגעהאלטן געווארן און אונדזער יוגנט איז געווען געצווונגען זיך צושפרייטן אויף דער וועלט מיט האפנונג זוכה זיין דערגרייכן מיט דער צייט קיין ארץ־ישראל. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פארבליבן און ענדליך געפאלן אין דער בלוטיגער נאצישער פארניכטונג.

פון די ביטערע געשעענישן פון יענער צייט גיט מען איבער גרויליכע ידיעות. לויט ווי ס׳דער ציילן די געציילטע געראטעוועטע זענען אומגע־קומען כמעט אלע יידן, אבער זיי קענען ניט איבער געבן איינצעלהייטן. וועגן די צוויי טעכ־טער פון יעקב גינזבורג, איינע — זיבן יאר אלט און די צווייטע ייִנגער פון איר (פייגעלע) דערציילט מען: זייער מוטער פערל גינזבורג האט זיי געבראכט צו איר באקאנטן פויער יאסיפ אין דעם טאג פון דער שחיטה אין מאצייעוו מיט איר גאנץ פארמעגן און געבעטן זיי באשיצן. דער גוי האט רחמנות געקריגן אויף די מיידעלעך און אויף דער צובראכענער מוטער און האט צוגעזאגט צו נעמען די מיידע־לעך צו זיך. און ער האט מקיים געווען זיינע אלטע יידישע פריינט פון שטעטל זיין הבטחה. ער האט באוויזן אויסבאהאלטן די קינדער ביי זיך אין א שפייכלער און זיי אפגעהיט ביז דער דייטשער מפלה.

די געראטעוועטע מיידעלעך וואס האבן פיל איבערגעלעבט זענען ארויס נאך דער מלחמה אויף דער פריי און זייערע קרובים האָבן זיי ארויס גענומען קיין אמעריקע.

חרוב געווארן מיין שטעטעלע מאצייעוו, אומגעקומען אירע זין און טעכטער!

פינחס שווארץ

# אליק

אלט איז דאס שטעטל אליק, וואס געפינט זיך צווישן צוויי שטעט: ראוונע און לוצק. פון זיי האט אליק געצויגן איר חיונה און מיט זיי איז׳ס געשטאנען אין פארבינדונג אויף אלע גע־ביטן. פון מזרח פליסט דער טייך פוטילאווקע, פון מערב — דער טייך פאלאנקע און ביידע נעמען ארום דאס שטעטל פון צפון־זייט. די יידן זענען געווען דאס רוב איינוווינער פון שטעטל און זיי האבן געלעבט פונקט ווי אין אין אנדערע וואלינער שטעטלעך. זייערע פרנסות זענען געווען דער עיקר האנדל, האנטווערקער און פערשידענע מלאכות אין שטעטל און אין דער אומגעגנט.

אליק האט א סך געליטן אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אבער נאך איר, זינט דאס שטעטל איז איבערגעגאנגען צו דער פוילישער מאכט, נישט קוקנדיק דערויף וואס אויף די פאליאקן האבן אין דער ערשטער צייט, ביז זיי האבן באפעסטיקט זייער מאכט, זיך באצויגן צו די יידן ברוטאל, איז דאך געווארן לייכטער, נאכדעם ווי מ׳האט זיך באפרייט פון די אוקראינישע און רוסישע רויב־באנדעס. די

יידישע באפעלקערונג איז געקומען צו זיך און די לעבנס־באדינגונגען זענען נארמאליזירט גע־ווארן. דער האנדל אין שטעטל האט זיך אנטוויקלט און ס׳איז געשאפן געווארן א מארק פאר דער פראדוקציע פון די האנט־ווירקער. ס׳האבן זיך געמערט געזעלשאפטלעכע אינסטר־טיציעס, ס׳האט זיך אנטוויקלט א פארצווייגטע נאציאנאלע און פארטייאישע טעטיקייט, ס׳זענען שטאטישער בית־מדרש און די שטיבלעך פון די סטאלינער, סטעפאנער און טריסקער חסידים. אין אלע זענען געקומען א סך דאווענער און תורה־לערנער. די קולות פוי די לומדים האט מען געהערט פון דער ווייטן. איך בין געווען איינער פון די וואס האבן געזאגט יעדן טאג א שיעור און כ׳קאן עדות זאגן וויפל מענטשן ס׳האבן געשטראמט אהין כדי צו הערן תורה.



דער קאמיטעט פון „תרבות״ אין אליק

דערשינען געזעלשאפטליכע טוער און ס׳איז אנטשטאנען א יינגער דור, פול מיט אידעאלן, וועלכער האט געפירט א רייכע, פארצווייגטע טעטיגקייט אויפן ציוניסטישן און קולטורעלן געביט.

דאס שטעטל האט זיך אנטוויקלט. ס׳זענען אויפגעקומען נייע געביידעס אויפן ארט פון די, וועלכע זענען פארברענט אדער געשעדיקט געווארן אין די מלחמה־יארן. די עקאנאמישע לאגע איז באדייטנד בעסער געווארן. נישט גע־קוקט אויף די שווערע שטייערן, וועלכע מען האט ארויפגעלייגט אויף יידן, און אין די צוואנציקער יארן האט זיך אנגעהויבן אנ׳אנטוויקלונג אויך אויפן קולטורעלן און גייסטיקן געביט. אכט שולן און בתי מדרשים זענען געווען אין אליק: די גרויסע שול, די שניידערשע שול, דער אלטער בית־המדרש „הבוקר״, וועלכע האט געשטאמט נאך פון 17־טן יארהונדערט, דער גרויסער בית־המדרש פון רבי׳ן ר׳ אלטער יוסף לאנדאו, דער נאך מער, אפילו ארימע לייט, דערשלאגענע מיט דאגות פרנסה, פלעגן קומען אין שול, נישט נאר דאוונען, נאך אויך כדי צו הערן און לערנען תורה.

אין צייט פון לעצטן דור זענען די „חדרים״ כמעט אלע געשלאסן געווארן און זייער ארט האבן פארנומען די תלמוד־תורה מיט 30 תלמי־דים, די ישיבה מיט 40 תלמידים און די העברע־אישע שול, „תרבות״ אין וועלכער ס׳האבן גע־לערנט העכער 200 קינדער, ס׳איז אויך געווען א העברעאישער קינדער־גארטן. די העברעאישע שולע איז געשטאנען אויף א געהעריקער הויך, די לערער זענען געווען איבערגעגעבן מיט לייב־און־לעבן. די ארטיקע ציוניסטישע טוער האבן געזארגט אויסהאלטן די שולע. די תרבות־אינספעקטארן פון ראוונע און ווארשע, האבן איר געהאלטן פאר איינע פון די בעסטע שולן אין דער געגנט. די דאזיקע שולע האט דערצויגן אין ציוניסטישן גייסט, און די יוגנט האט געפער־

נען איר ארט אין די חלוצישע באוועגונג (החלוץ, השומר־הצעיר, בית״ר, החלוץ המזרחי א. א.). באזונדער שטארק איז אין אליק געווען די ארגאַ־ניזאציע „התאחדות״. ווען ס׳זענען דערהאלטן געווארן סערטיפיקאטן קיין ארץ־ישראל (אין א באגרעניצטער צאל) איז געווען א יום־טוב אין שטעטל, ממש ווי אויף א חתונה, און אלע, פון קליין ביז גרויס, האבן זיך באטייליקט אין דער שמחה פון די ערשטע חלוצים, וועלכע וועלן זוכה זיין צו פארן קיין ארץ־ישראל. די שטרע־בונג עולה צו זיין און די האפנונג צו באקומען א סערטיפיקאט איז געווען א ריזיקע.

די צייטונגען, וועלכע זענען געקומען אין שטעטל פלעגן וואנדערן פון האנט צו האנט. די יוגנט האט גערעדט העברעאיש אין גאס. דער איינפלוס פון ציוניזם און ארץ־ישראל איז געווען גרויס אין אלע קרייזן.

אין אליק זענען געוואָרן געדרוקט העברע־אישע ספרים. דער ערשטער ספר וואס איז אפגע־דרוקט געווארן אין אליק נאך אין 19־טן יאר־הונדערט איז געווען פון אליקער רבי׳ן, ר׳ מרדכי׳לע „גדולת מרדכי״. כ׳האב געהאט די זכיה אראפצוגיין אין קעלער פון דעם אלטן מויער, און דארט האב איך געזען די דרוק־מאַשינען און אלע אנדערע דרוק־מכשירים פון אמאליקע יארן.

קיין אליק פלעגן פון צייט צו צייט קומען חזנים (ר׳ דוד קוסאוויצקי פון ראוונע א. א.) און קינסטלער. דאך פלעגן אסך פארן אין די נאנטע שטעט כדי צו זען און צו הערן קאנצערט און פארשטעלונגען פון פארשידענע קינסטלער. א סך רעליגיעזע אליקער יידן, חסידים, זענען אויך געווען הייסע ציוניסטן און געפירט א יידישן נאציאנאלן לעבן. און זייערע קינדער זענען ארויסגעפארן אין הכשרה־קיבוצים. אין שטעטל אליין זענען אפילו ארגאניזירט געווארן צווי אזעלכע קיבוצים: איינער אויפן נאמען פון בער באראכאוו און דער צווייטער (פאר רעלי־גיעזער יוגנט) אויפן נאמען פון הרב ריינעס. אין די דרייסיקער יארן פון אונדזער יאר הונ־דערט זענען אין אליק געווען בערך 5000 נפשות.

פון זיי לעבן היינט אין דער גארער וועלט ביי א־1000 נפשות.

מיטן ארייננמארשירן אין יאר 1939, פון דער רויטער ארמיי אין מערב־אוקראינע, זענען אין אליק, ווי אין אנדערע וואלינער ישובים, פאר־געקומען געוויסע ענדערונגען. די נייע הערשער האבן דירעקט אדער אומדירעקט געענדערט אלע עקזיסטירנדיקע לעבנס־פארמען. דערנידעריקט, אויסגעהונגערט און ליקווידירט אלע געזעל־שאפטלעכע באוועגונגען. די יידן איז דאס לעבן געווארן שווער, בפרט פאר די, וועלכע זענען געטראפן געווארן אויפן געביט פון זייערי עקא־נאמישער לאגע, באשעפטיקונג און אז. וו. ס׳האבן זיך געפונען צווישן דער יידישער באַ־פעלקערונג אזעלכע, וועלכע זענען געווען גע־נייגט צו דער נייער מאכט, אבער אויך זיי האבן זיך שנעל אנטוישט, זיך אפגעזאגט פון די נייע טעאריעס, און ווען קיינער האט נישט געהערט, פלעגן זיי שעלטן סטאלינען מיט זיינע משרתים.

אין דער זעלבער צייט זענען קיין אליק אנגעקומען א סך יידישע פליטים פון פוילן, וועלכע זענען אנטלאפן פון די נאציס, וועלכע האבן אקופירט דאס לאנד. זיי האבן געוואנדערט איינציקווייז און גרופנווייז און געזוכט אן אנשפאר צו ראטעווען דאס לעבן. די צאל פלי־טים אין אליק האט דערגרייכט ביז 1982 נפשות און זיי האבן פארפילט די בתי־מדרשים, די קרא־מען און מאגאזינען, וועלכע די סאוויעטן האבן אויסגעליידיקט. די לאגע פון די פליטים איז געווען זייער שווער. און דאן האבן די אליקער יידן, נישט קוקנדיק אויף זייער אייגענער דחקות, באוויזן זייער יידיש הארץ און האבן געהאלפן זייערע ברידער מיט וואס נאך זיי האבן געקאנט. (די מאכט־ארגאנען פלעגן שיקן די פיזיש ארבעטס־פעייקע מענטשן אין די וועלדער און צו אנדערע שווערע ארבעטן צאלנדיק 15 רובל פאר אן ארבעטס־טאג, דאן ווען א פאר שיך האבן געקאסט 2000 רובל).

ווען די לאגע פון די פליטים איז געווארן אומדערטרעגליך האבן זיי אנגעהויבן ארויס־טרעטן מיט דעמאנסטראציעס און פאדערונגען

צו געבן זיי ברויט אדער צוריקשיקן זיי אהיים. אזעלכע סצענעס האט מען אויך געקענט זען אין ראוונע, דובנע, לוצק, קרעמענינץ און לעמבערג. וואס האט געטאן די סאוויעטישע מאכט? זי האט דערקלערט אז ס׳עקזיסטירן מעגלעכקייטן איינצוארדענען זיך אויף ארבעט אין טיף רוס־לאנד און צו דעם ציל האט זי צוגעשטעלט וואַ־גאנען און ארויסגעשיקט די מענטשן אין טיף רוסלאנד און קיין סיביר. די פליטים האבן מסכים געווען צו פארן, ווייל זייער לאגע איז געווען האפנונגסלאז. נאך לאנגע וואנדערונגען זענען זיי אנגעקומען אין פארווארפענע מקומות און דארט צוגעטיילט געווארן צו פארשידענע ארבעטן אין שווערע באדינגונגען. אבער אדאנק דעם זענען זיי געווארן אפגעראטעוועט פון טויט פון די נאצישע רוצחים.

*

אין יוני 1941 איז אויסגעבראכן די דייטש־סאוויעטישע מלחמה.

אין יענער צייט איז אין די ראדזיווילאווער קאזארמעס געזעסן א שטאב, וועלכער איז מאביליזירט געווארן אין א פאניק־אטמאספער.

איך בין אויך געווען צווישן די מאביליזירטע און צוזאמען מיט נאך 36 סאלדאטן האט מען אונדז באפוילן מארשירן קיין וולאדימיר וואַ־לינסק. די שאסייען און בריקן זענען שוין געווען אויפגעריסן דורך די דייטשן און דעריבער איז אונדזער מארש צופוס געווען א פאמעלעכער. בשעת מיר זענען דורכגעגאנגען אין קאוולער געגנט האבן מיר באגעגנט א פארוואונדעטן רוסישן אפיציר, וועלכער האט אונדז אינפאר־מירט, אז אין לודמיר קומט פאר א שרעקלעכע שחיטה און האט אונדז געהייסן ענדערן דע ם מארשרוט און גיין אין דער ריכטונג פון שעפע־טאווקע. מיר האבן אים געפאלגט. אונדזער לאגע איז געווען זייער אשווערע. מיר האבן ניט געהאט שפייז־פראדוקטן און נישט געוווסט ואס עס ווארט אונדז אויף מארגן. נישט קוקנדיק אויף די געפארן זענען מיר דורכגעגאנגען די ראזישטשער וועלדער און בשעת מיר האבן זיך דערנענטערט צו דובנע האבן מיר זיך איבער־צייגט, אז מיר זענען ארומגערינגלט פון דייטשישע טאנקען. מיר האבן זיך שנעל באהאלטן אין די תבואה־פעלדער און זיך צוריקגעצויגן קוים מיטן לעבן.

די רוסן האבן זיך אין דער צייט צוריקגע־צויגן אויף אלע פראנטן און אליק האט זיך געפונען אונטער דער דייטשישער אקופאציע. דעם 5־טן יוני 1942 איז געקומען א דייטשישע דעלעגאציע, וועלכע האט פארצייכנט דעם פלאן פון די אליקער גאסן און די ערטער ווו די יידן זענען קאטצענטרירט, אין צוויי שעה ארום זענען געקומען צופליען 27 אעראפלאנען, וועלכע זענען געפלויגן נידעריק איבערן שטעטל און אין משך פון 45 מינוט געשאסן אן אויפהער. די כוונה איז געווען א קלארע: פארניכטן די יידישע הויזער צוזאמען מיט די איינוווינער. אין צוויי טאג ארום איז אין שטעטל אראפגעקומען א נאצישער אפיציר מיט פיר דייטשישע פאלי־ציאנטן און באשטימט דעם פלאץ פארן געטא. אונטער דראונגען האבן זיי געפאדערט גלייך זיי צושטעלן דאס גאנצע גאלד, זילבער, קופער, פוילישע און רוסישע געלט, גוטע און שיינע קליידער, אנצוגן און מאנטלען ווי אויך שטיוול. ווער עס וועט עפעס אויסבאהאלטן וועט ווערן אויפגעהאנגען.

ס׳האבן זיך גלייך באוויזן אוקראינער, וועלכע זענען מאמענטאל געווארן נאצים און געהאלפן די דייטשן בארויבן די יידן. מיט אמאל האבן זיך די יידישע הייזער אויסגעליידיקט. די יידן, ארומגערינגלטן אין געטא, זענען הונדערטער־ווייז געטריבן געוואָרן צו נויט ארבעטן, פון פרי ביז שפעט אין דער נאכט, אן א שטיקל ברויט און אומבאהאלפן. אזא לאגע האט געדויערט העכער א מאנאט. דעם 12־טן אויגוסט האבן אוקראינער און פאליאקן אין דייטשישער דינסט געלאפן איבער די גאסן און געכאפט מענער און יוגנטלעכע, אריינגעדרונגען אין די יידישע הייזער כדי ארויסצושלעפן פון דארט יידן, וועלכע האבן זיך אויסבאהאלטן. דעם זעלבן טאג אין דער פרי האט מען ארויסגעפירט 60 געכאפטע יוגנטלעכע אויפן בית הקברות, זיי

צעטיילט אין צוויי גרופן און געהייסן גראבן גריבער. דאס האט פארשטענדליך, ארויסגערופן פארדאכט, אבער ס'איז ניט געוועז קיין ברירה און די יוגנטלעכע האבן געגראבן אונטער דער ברענענדיקער זון און די זידלערייען און גע־שרייען פון די באוואפנטע אויפצווינגער. ארום 3 אזייגער נאכמיטאג איז די ארבעט איבערגע־ריסן געווארן און אויף די גראבנדיקע האט זיך א גאס געטאן א רעגן פון קוילן. איך בין געווען צווישן די גרעבער און כ'בין פארוואונדערט גע־ווארן אין פנים און די הענט. אנדערע זענען געהרגעט געווארן אויפן ארט. כ'בין אנטלאפן. א פאליציאנט האט מיך נאכגעיאגט און ווען כ'בין געפאלן א פארוואונדערטער, האט ער געמיינט אז כ'בין שוין טויט און אנגעהויבן נאכלויפן אנדערע. אפגייענדיק מיט בלוט בין איך דערקראכן צו א קוסט און זיך איינגע־קארטשעט אונטער אים. פון דערווייטנס האב איך געזען ווי מ'האט מיינע חברים אריינגעווארפן אין די גריבער, וועלכע מיר האבן געגראבן. שפעטער זענען געקומען 10 אויטאס, אנגעלא־דענע מיט פארחלשטע פון גאזן און דערשטיקטע יידן. די אוקראינער האבן זיי אראפגעשלעפט פון די אויטאס און אריינגעווארפן אין די גריבער. אין 2 שעה ארום זענען די אויטאס ווידער גע־קומען און געברענגט א פרישן טראנספארט האלב־לעבעדיקע, האלב־טויטע יידן, מיט וועלכע מ'האט פארפילט די גריבער. ווי ס'איז מיר שפעטער קלאר געווארן זענען אין דעם טאג דערמארדעט געווארן ביי 800 נפשות ארויס־געשלעפטע פון אליקער געטא. אזעלכע „אקציעס" זענען פארגעקומען אין פארשידענע טערמינען אין אלע ווָאלינער שטעט און שטעטלעך.

אין יענער צייט זענען כמעט אין אלע יידישע ישובים אויפגעשטאנען געטאס און די יידישע קאמיטעטן מיט זייערע פאליציאנטן, האבן געמוזט אויספילן די באפעלן און באשטע־לונגען פון די נאצים. ס'האט געפעלט עסנווארג, ווייל דאס רוסישע מיליטער האט מיטגענומען אדער פארניכטעט וואס ס'האט זיך נאר געלאזט, אפילו פארברענט די תבואה אויף די פעלדער.

ס'איז קלאר געווארן, אז די נאצים ווילן פאר־ניכטן אלע יידן. דאמאלס האבן זיך אפאר אליקער יידן ארגאניזירט און זיך געגרייט צו פארטיידיקן אין פאסיקן מאמענט.

איינמאל איז דער יודנראט געווארן אויפגעפאדערט צוזושטעלן פאר ארבעט 1000 מענטשן פון די לעבנגעבליבענע אין געטא. ווען ניט האבן די דייטשן געדראט צו העכערן די פרייז פון ברויט. אנשטאט א לאבן ברויט פאר 10 מענטשן פארן פרייז פון איין רובל, וועט זיין א לאבן ברויט פאר 100 מענטשן פארן פרייז פון 1000 רובל. די יידישע פאליציאנטן האבן געיאגט מענטשן צו דער ארבעט אונטער דער דראונג. ס'איז געווען א שרעק און בפרט די קינדער וועלכע האבן ממש געהונגערט. דער יודנראט האט אויף מיר ארויפגעלייגט די אויפ־גאבע זיך צו ווענדן צום פוילישן קסיאנדז און בעטן זיין הילף פאר די קראנקע. מיט א שווער געמיט האב איך זיך קוים דערשלעפט צו דעם קסיאנדז וואיטוש פראנצישעק, ער האט מיר געעפנט די טיר, מיר דערקאנט און געפרעגט פארוואונדערט: — וואס ווילסטו דא שפעט ביינאכט?

כ'האב אים דערציילט מיט הכנעה און מיט אצערבראכענער שטימע, אז אין געטא־שפיטאל וואלגערן זיך 300 יידישע קראנקע, דאס רוב קינדער, וועלכע גייען אויס פון הונגער און כ'האב געבעטן זיין הילף.

דער קסיאנדז האט אויף מיר אנגעשטעלט א פאר צארנדיקע אויגן און געענטפערט מיט כעס:

„איר זענט דאך די קינדער פון אברהם. דאס איז פאר אייך אשטראף פון הימל" — און ער האט פאר מיר פארקלאפט די טיר.

איך בין צוריקגעקומען טרויעריק און צע־בראכן. די לאגע אין געטא און ארום אים איז געווארן אלץ שארפער.

אין א קורצער צייט ארום דערשינען אין געטא נאציס־פארשטייער מיט רופן: ארויסגיין פון געטא! ווער־ניט־ווער האט געפרווט זיך ארויסדרייען, אבער זיי האבן זיך שנעל איבער־

צייגט, אז ס'איז שוין צו שפעט. דער געטא איז געווען ארומגערינגלט מיט הונדערטער באוואפנטע דייטשן און אוקראינער, אזוי אז אנטלויפן איז געווען אוממעגלעך. די וועלכע האבן פארלאזט דעם געטא האט מען געיאגט צום פאלאץ פון יאנוש ראדזיוויל אונטערן אויסרייד אז פון דארט וועלן זיי ווערן איבערגעפירט אין לוצקער געטא. די פאליציאנטן האבן אלץ איבערגעחזרט, אז ווער עס וועט ניט פארלאזן דעם געטא ביז 7 אוונט — וועט ווערן דערשאסן ווי א הונט.

דאס איז געווען שבת, יא' אב תשי"ב, 8 א זייגער פרי. נאך אין משך פון איין שעה איז געווען דערלויבט צו פארלאזן די געטא און קומען צום באשטימטן ארט. מיר, 20 אויפשטענדלער, מיטן אנפירער פון בית"ר אין אליק — שלמה סאסל אין דער שפיץ, זענען אוועק צו דעם מאגאזין פון געווער, וואס איז נאך פארבליבן פון די סאוויעטישע צייטן, מיטן ציל אויסצונוצן דאס געווער קעגן דעם שונא. צו דעם דאזיקן מאגאזין האבן מיר צוגעפאסט ספעציעלע שליסל. דער שרייבער פון די דאזיקע שורות און יחיאל כץ (פון אונדזערע אויפשטענדלער) האבן באקומען א באפייל צו בלייבן אין געטא נאכדעם ווי די באפעלקערונג וועט אים פארלאזן. שלמה סאסל צוזאמען מיט נאך זעקס אויפשטענדלער זענען אנטלאפן פון די רייען, אבער 3 דייטשן און 11 אוקראינער האבן זיי נאכגעיאגט און דעריאגט. ווען די 7 אויפשטענדלער האבן זיך איבערצייגט, אז זיי וועלן נישט באוויזן צוצוקומען צום געווער־מאגאזין און אויספירן זייער פלאן, ווייל זיי זענען געווען ארומגערינגלט פון אלע זייטן — האבן זיי אונטערגעצונדן דעם פולווער, וועלכן זיי האבן געטראגן מיט זיך און געשטארבן מיט א העלדן־טויט.

די יידן פון געטא זענען צוטיילט געווארן אין צוויי זאלן. פרויען באזונדער און מענער באזונדער. די זעלבע צימערן האט מען אנגעפילט מיט פארשיידענע זאכן, אנגעראבעוועטע אין געטא. די ענגשאפט און דער יאמער זענען געווען שרעקלעך. אין משך פון 4 טעג האבן די דייטשן און אוקראינער ארומגעטשאטעוועט ארום דעם הויז ווי די וועלף, ס'זאל חלילה קיינער ניט אַנטלויפן. דעם פערטן טאג האבן זיי אנגעהויבן ארויספירן גרופעס צו 40 מענטשן, כדי זיי צו דערמארדן. אבער דעמלט האבן זיי זיך איבערצייגט, אז 90 פראצענט פון די פרויען און קינדער און ביי א 30 פראצענט פון די מענער האבן ניט אויסגעהאלטן די ענגשאפט, דעם עיפוש און דעם קאלך־שטויב וועלכע די דייטשן האבן צעזייט אין די צימערן און מ'האט זיי ארויסגעשלעפט טויטע. דעם 15־טן אב תשי"ב זענען דערשאסן און באגראבן געווארן די לעצטע קרבנות.

דער באפעלגעבער פון אליקען געטא, דער תליין טילער האט געמאכט א חשבון, לויט וועלכן ס'האבן געפעלט ביי א 50 מענטשן פון געטא. ער האט זיך משער געווען, אז זיי זענען אנטלאפן אין די נאנטע וועלדער און באהאלטן זיך דארט אויס. ער האט זיך גלייך געווענדעט קיין לוצק און פון דארטן זענען געקומען צופליען צוויי עראפלאנען, וועלכע האבן פאטרולירט אין משך פון צוויי טעג איבער די וועלדער און דער געגנט, געזוכט אויסבאהאלטענע יידן אויף די בוימער־שפיצן און צווישן די קוסטן. זיי האבן טאקע געפונען עטלעכע געראטעוועטע אין וואלד, אבער אונדז האבן די עראפלאנען דאך נישט אנטדעקט.

אין די זומער מאנאטן, כל זמן די בוימער זענען געווען באדעקט מיט גרינס, האבן מיר זיך נאך געקאנט אויסבאהאלטן, באקומען שפייז און אפילו זיך נוקם זיין אין די דייטשן פון אונדזער באהעלטעניש. אבער הערבסט־צייט איז אונדזער לאגע אין וואלד געווארן ערגער. און אט איז געקומען דער ווינטער. מיר האבן געזוכט און געפונען א קאנטאקט מיט א אנדער גרופע.

דער פארטיזאנער־לאגער, מיט וועלכן מיר האבן זיך פארבונדן, האט געוואנדערט איבער די וועלדער און איז געווען אין שטענדיקער געפאר. אויף אונדז, יידישע פארטיזאנער, האט מען ארויפגעלייגט ספעציעלע אויפגאבן, כדי מיר זאלן באווייזן אונדזערע מעגליכקייטן און

אונדזער געוואגטקייט. די לעבנס־באדינגונגען זענען געווען זייער שווערע. אומענדלעכע וואנדערונגען. דער טויט האט פארשניטן א סך פון אונדזערע רייען און מיר האבן נישט געהאט קיין בטחון בנוגע דער צוקונפט. בשעת מיר זענען געווען אין זשיקאווטישינער וואלד, האט זיך אויסגעפונען א פריינטלעכער פויער, איוואן הײדושענקא, וועלכער האט אונדז געהאלפן אין א סך פאלן, אזוי אז מיר האבן אים גערופן „אחד בדורו" (אן איינציקער אין זיין דור). אין א ווינטער טאג ווען דער וואלד איז געווען באדעקט מיט שניי און עס האט געווילדעוועט א שטארקער שטורעם, איז איוואן געקומען צו לויפן און מודיע געווען, אז די דייטשן גרייטן זיך אויף מארגן צו מאכן א גענויע רעוויזיע אין דער באגלייטונג פון הינט און הונדערטער אוקראינער, אין גאנצן וואלד, כדי צו אנטדעקן פארטיזאנער. מיר האבן שנעל איבערגעגעבן די ידיעה אלע אונדזערע מענטשן און אין משך פון דער נאכט זענען מיר זיך צעלאפן אין פארשיידענע זייטן. יחיאל כ"ץ, וועלכער איז געווען מיט מיר צוזאמען, האט נישט געגלייבט דער ידיעה. ס'איז אים געווען א שאד צו פארלאזן דעם בונקער, וועלכן מיר האבן געגראבן וואכנוויז. ער האט געטענה'ט, אז ס'איז נישטא ווהין צו אנטלויפן — און איז געבליבן.

ווי ס'האט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, איז טאקע פארגעקומען א גענויע רעוויזיע אין וואלד, וועלכער איז געווארן ארומגערינגלט פון אלע זייטן און יחיאלן האט מען געכאפט אין בונקער, שרעקליך געפייניקט, געפאדערט פון אים ער זאל אויסגעבן סודות און דעם ארט, ווו מיר געפינען זיך. פיר טעג האט מען אים געהונגערט, מ'האט אים געהאקט די פינגער, געריסן פון אים פאסן און געפאדערט ער זאל דערציילן ווי אזוי ער איז ארויס פון געטא, ווו זענען זיינע חברים און אנדערע פרטים. יחיאל האט ניט אויסגעגעבן און מ'האט אים אויפגעהאנגען אויף א בוים אין וואלד.

וואכנלאנג האבן מיר ארומגעוואנדערט און זיך אויסבאהאלטן, צעזייט און צעשפרייט, ליידנדיק פון קעלט, הונגער און סכנת נפשות. אין פערציק טעג ארום בין איך געקומען ביי דער נאכט צו אונדזער פריינט איוואן הײדושענקא. ער האט מיך דערקענט און זעענדיק אז כ'בין נישט אפראזירט האט ער געזאגט: מ'קאן דאך גלייך פונווייטנס דערקענען אז דו ביסט א יידישער פארטיזאן. פארוואס ביסטו באלד נישט געקומען צו מיר, אין מיין קעלער? דארט געפינען זיך פיר יידן. קום, וועסט זיין דער פינפטער. ס'איז דער זעלבער טויט־אורטייל פאר אויסבאהאלטן אינעם צו הונדערטס.

כ'בין גערירט געווארן פון דער פריינדלעכקייט פון דעם פויער, וועלכער ריזיקירט אליין מיטן לעבן, און כ'בין צוגעשטאנען צו די פיר, וועלכע האבן זיך געפונען אין זיין קעלער. אין צוויי וואכן ארום איז ארויין צו אונדז איוואן, ציטערנדיק אין גאנצן:

— חברה: ס'זענען פאראן קלאנגען, אז מארגן דארפן די דייטשן קומען אין אונדזער דארף סוכאוויץ און אויפרייסן אלע קעלערס, כדי אויסצוראטן פארטיזאנער, קאמוניסטן און יידן, וועלכע באהאלטן זיך אויס. ער האט צוגעגעבן, אז די דייטשן האבן געדראט די אוקראינישע איינוווינער, אז אויב מען וועט געפינען ביי זיי אויסבאהאלטענע, וועט זייער גורל זיין ווי דער גורל פון טשעכישן דארף מאלין, נעבן מלינאו, ווו מ'האט געפונען אויסבאהאלטענע צוויי יידישע מיידלעך־שוועסטער. די שוועסטער האט מען נאקעטע אויפגעהאנגען און די 1685 טשעכישע איינוווינער פון דארף האט מען פארזאמלט אין זייער קלויסטער און פארברענט לעבעדיקערהייט.

איוואן איז אוועק אין צוריקגעקומען נאך האלבער נאכט, ער האט אונדז אינפארמירט, אז די ידיעות זענען אמתע און אז זיין ווייב, זאשקע מיט דא קינדער, זענען אנטלאפן צו איר פאטער אין דארף פריסופניצע, די דייטשן זענען שוין דא אין דארף און מ'קאן נישט אנטלויפן. בלייבט — האט ער געזאגט — ס'איז שוין אלץ איינס. פארן אוועקגיין האט ער מיר געגעבן אטוץ קוילן צו מיין ביקס — און אוועק. מיר זענען

געבליבן און צו אונדזערע אויערן האבן דער־גרייכט די אפקלאנגען פון די אויפרייסן און שיסערייען.

עס קומט דער סוף — האבן מיר געטראכט — און שטילערהייט האבן מיר געמורמלט תפי־לות: „שיר המעלות ממעמקים...״ „משכיל לדוד בהיותו במערה...״ „אלי, אלי, למה עזבתני...״ און אנדערע. און אט זענען די דייטשן געקומען נאענט צום הויז פון מיקאליי וואסילקו און אויפגעריסן זיין קעלער, וואס אין געווען נאענט צום אונדזערן. דאס הארץ האט געגעבן אציטער און מיר האבן זיך אוועקגעשטעלט מיט די ביקסן ביים ארייגאנג, כדי צו באגעגענען דעם שונא. ס׳איז נישט געווען קיין האפענונג אים זו באזיגן, אבער מיר האבן באשלאסן שטארבן מיט געווער אין האנט און זיך נישט לאזן אויסשעכטן.

און אט אין געשען א נס. איוואנס הויז איז געווען אין עק פון דארף. איידער די צוויי דייטשישע מאשינען זענען צוגעקומען צו אונדז האט זיי זייער אפיציר באפוילן צוריקפארן קיין לוצק, זאגנדיק: „סוויזט זיך ארויס, אז אין סוכאוויץ זענען נישט פאראן קיין וועלף״. ווי נאר די מאשינען זענען אפגעפארן, אין גלייך געקומען איוואן אונדז בערואיקן און אנזאגן די גוטע בשורה. ס׳איז שווער צו גלויבן, אז נאכדעם ווי די דייטשן האבן אויפגעריסן קעלערס אין 212 הייזער, האבן זיי מוותר געווען אויף די לעצטע פיר און זיך אפגעטראגן. מיר האבן זיך דערפרייט און צוזאמען מיט אונדז, איוואן, וועלכער האט ווייטער געזארגט פאר אונדז און אפילו מיר געברענגט פאפיר, כדי צו פארצייכע־נען אונדזערע איבערלעבונגען.

✶

ס׳אסך צו דערציילן פון יענע ביטערע טעג פון אונדזער לעבן און פון אונדזער שטעטל אליק. צום גליק בין איך געבליבן לעבן און זוכה געווען נאך דער מפלה פון די נאציס קומען קיין אליק און זען דעם חורבן. א סך הייזער זענען פאר־ברענט אדער צעשטערט געווארן. די איבעריקע האבן די דייטשן צוגעטיילט אוקראינער פאר אהון אדער אנ׳איי. מ׳האט באפוילן די פויערים צואקערן דעם שטח פון די געוועזענע הייזער און דאס שטעטל האט אויסגעזען ווי א לאנגע גאס, וואס האט זיך געצויגן ביזן דארף אוריא־נאווקע, כ׳בין ארומגעגאנגען טרויעריק און פארשעמט, איבער די חורבות פון מיין געבוירנ־שטעטל. אין וועלכער ס׳האט זיך שוין נישט געפונען קיין איינציקער ייד.

כ׳בין געגאנגען צום דעם ברודער־קבר און דארט פארגאסן בלוטיקע טרערן איבער די אליקער קדושים, וועלכע האבן אפילו נישט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל. דורכגייענדיקע פויערים האבן מיך אפילו נישט באמערקט און כ׳האב זיך דערפילט איינזאם און פאריתומט. כ׳האב געזאגט קדיש און מיט א ביטער געוויין האב איך מיט ציטערנ׳דיקע פיס זיך קוים אוועק־געשלעפט פון דעם ארט.

דאס הארץ ווייטיקט איבער מיין פארברענט שטעטעלע, איבער די פארשניטענע יידן, די אליקער פיצלעך קינדער, וועלכע האבן נאך נישט פארזוכט דעם טעם פון לעבן און שוין געווארן פארשניטן אין דער דאזיקער שרעקלעכער קאטאסטראפע.

שלמה צאם

# זכרונות פון טריסק

טריסק, הגם זי איז געווען קליין אין שטח און בעפעלקערונג, איז געווען בעוווסט צווישן די יידן אין אוקראינע, אויך אין פוילן און אויסער די גרעניצן פון פוילן אין זכות פון די בעוווסטע טריסקער רביים.

דער ערשטער פון זיי, רבי אברהמ׳עלע טווערסקי, דער „טריסקער מגיד״, האט זיך פער־רעכנט פארן לעצטן תלמיד פון בעל־שם־טוב און דער מחבר פון ספר „מגן אברהם״. א וועלטפולער בוך אין דער חסידישער וועלט, אנ׳אפהאנדלונג איבער די השגות פון בעש״ט וועגן לעבן פון מענטש און געזעלשאפט אין

זיין צייט, האט געדינט אויך דעם קומענדיקן דור, ווען זיין זון איז געזעסן אויף זיין שטול. דער חסידיזם וואס האט זיך פערשפרייט דאמאלס אין גאנץ וואהלין האט געצויגן פון קוואל פון מעזריטשער מגיד און פון די חיבורים פון זיינע חברים און תלמידים, וועלכע האבן בעריי־כערט די חסידישע בעוועגונג.

טריסקער יידן זענען געווען ווייט פון עשי־רות. זייער פרנסה האבן זיי געפונען בעיקר פון רבינ׳ס „הויף״ פון צושטעלן פערשידענע פרא־דוקטן, בעדינונג און פון חסידים־אורחים וואס פלעגן קומען צום רבין פון גאנץ רוסלאנד און פוילן אין משך פון א גאנץ יאר און בפרט אויף ימים טובים, שמחות א. אנד. ס׳זענען געווען פאלן, ווען אלע יידישע הייזער זענען ניט געווען גענוג כדי די חסידים זאלן איינשטיין.

בדרך כלל זענען טריסקער יידן געווען „עמך״, זיך בעשעפטיקט מיט פערשידענע מלא־כות און געווען הארעפאשניקעס. א ביסל סוח־רים, קרעמער און כלי־קודש — דער סאציאלער צוזאמענשטעל פון שטעטל. ווער ס׳אריבערגע־פארן אין די נאנטע שטעטלעך און ווער פון יענער זייט כדי זוכן פרנסה און גליק, ווי דער שטייגער אין די יידישע ישובים אין יענע צייטן אין וואהלין.

די השפעה פון רבינ׳ס הויף איז געווען ענדגילטיק כמעט אין אלע געביטן פון לעבן, איינשליסליך געזעלשאפטליכע און אויך רעגי־רונגס־אנשטאלטן. אונטערן רבינ׳ס השפעה האט די רוסישע מאכט מבטל געמאכט בעשלוסן און פלאנען, ווי דאס בויען מיליטערישע קאזארמעס ווייט פון שטעטל, דאס דערווייטערן פון טריסק די באן־ליניעס א. א. וו., כדי דאס שטעטל זאל ניט זיין פערבונדן מיט אונטערנעמונגען און קערפערשאפטן וואס זיינען עלול געווען צו שטערן דעם פרומען ארט לעבן פון יידישן שטעטל. די מורא פאר „פרייהייט״ און פון אריבערגאנג צו א מער מאָדערנעם לעבן האָט געווירקט משתדל זיין זיך כדי מבטל מאכן פאר־שידענע אויסערליכע פלענער, הגם זיי וואלטן געבראכט מאטעריעלע נוצן דאס שטעטל. אזוי

האט זיך געצויגן דאס גרויע לעבן אין טריסק דורות־לאנג ביז ס׳אויסגעבראכן די ערשטע וועלט־מלחמה און טריסק איז געווען נאנט צום פראנט. צוליבן קריגס־צושטאנד איז דער רבי אריבער אין דער נאנטער קרייז־שטאָט — קאוועל. די עסטרייכער, וועלכע האָבן צווישן אנדערע אויך פערנומען טריסק, האבן פער־וואנדלט דעם רבינ׳ס בנינים אין קאזארמעס, פאר זייער מיליטער.

א סך יידן האבן אויסגעוואנדערט פון טריסק. דריי שווערע קריגס־יאר האבן זיך געלייגט אויפן שטעטל. הונגער, נויט און צרות וואס ס׳געווען אויסצושטיין פון פרעמד מיליטער האבן אלץ רואינירט. אויך די דערפער ארום האבן זיך אויסגעליידיקט. כמעט אלע פויערים זענען אנטלאפן צוזאמען מיטן רוסישן מיליטער.

אין איין טאג איז אויסגעבראכן א גרויסע שריפה אין טריסק און כמעט אלע הייזער, צו־זאמען מיטן רבינ׳ס הויף, זענען פערברענט געווארן. דער אהל פון צדיק ר׳ אברהמ׳לע אויפן בית הקברות איז געבליבן גאנץ. דער איינציקער פרנסה־געבער אזוי געווען דאס עסטרייכישע מיליטער וואס האט בעשעפטיקט די יידן ביי שווערער, שווארצער ארבעט, ווי גראבן א. אז. וו. ס׳האט קוים געקלעקט אויף א דאר שטיקל ברויט. א טייל יידן זענען אריבערגעפירט גע־ווארן דורך דער מאכט קיין קאנגרעס פוילן, ווו די עקאנאמישע לאגע איז געווען א ביסל בעסער.

די מלחמה, און דערנאך די רוסישע רעוואָ־לוציע האבן פאראנדערט לחלוטין דאס יידישע לעבן אין שטעטל, אין 1918 האבן די פויערים אנגעהויבן זיך צוריקקערן אין זייערע דערפער און מיט זיי אויך די יידן. נאך א סך פערשידענע מאכטן, בעיקר אוקראינישע, פון וועלכע די יידן האבן זייער געליטן, איז טריסק אריבער סוף־סוף אין פוילישע הענט. דאס לעבן האט זיך ווי־ס׳איז איינגעשטעלט, ס׳האבן זיך איינגעשטעלט פערבינדונגען מיט צענטערס, ס׳האבן זיך גע־שאַפן פערשידענע פרנסות און ס׳האט זיך אויך אויסגעקריסטאליזירט א געזעלשאפטליך לעבן אין גייסט פון צוואנציקסטן יאר הונדערט.

דאס חסידישע לעבן פון פאר דער מלחמה איז געניזוקט געווארן. ס'האבן אנגעהויבן בלאזן, בפרט צווישן דער יוגנט, נייע ווינטן. דער ערשטער האט זיך ארגאניזירט דער „בונד", הגם מיט ווייניק חברים, וואס האט געעפנט די יידישע „פאלקס־ביבליאטעק", און נאכדעם, אין 1926, איז געגרינדעט געווארן די יידישע שולע פון ציש"א, וואס האט קיין גרויסע זאכן ניט אויפגעטאן. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט געהאט מער דערפאלג, זי האט ענטוויקלט א פערצווייגטע ארבעט, אויפגעעפנט א העברעאישע „תרבות"־שולע און ס'האט זיך אנגעהויבן די חלוצישע הכשרה־טעטיקייט עולה צו זיין קיין ארץ, דער חסידישער ברען איז פערוואנדלט געווארן, אין א געוויסער מאס, אין ציוניסטישער התלהבות. קלאסאוו און אנדערע הכשרה־פונקטן זענען געווען די טעמע פון טאג, און די שטרעבונג קיין ארץ־ישראל איז געווען גרויס. די פאמיליעס אקערמאן און פינקלשטיין זענען געווען די ערשטע וועלכע זענען עולה געווען. בעת די געשעענישן אין תרפ"ט איז עולה געווען נאך א צאָל חלוצים וועלכע האבן געפונען זייער ארט צווישן די בויער פון לאנד. צוליב די אכזריותדיקע בעגרעניצונגען פון דער בריטישער מאנדאט־רעגירונג זיינען פיל פארבליבן אין טריסק.

ד. הררי (בעריש שווארצבערג)

# טראָכינבראָד און לאָזישטש ט״ל

דאָס זענען געווען צוויי קליינע שטעטלעך וועלכע האָבן עקזיסטירט פון די דרייסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט אלס לאנדווירשאפטלעכע יידישע קאָלאָניעס אין לוצקער קרייז. זייענדיק נאָענט (נאָר 1 ק"מ האָט זיי פונאנדערגעטיילט), אָבער צוליב ווירטשאפטלעכע און געזעלשאפטלעכע אינטערעסן, האָבן זיי געבילדעט געמיינזאמע אנשטאלטן: דעם קהל קאָמיטעט, דערציאונג, סאָציאלע אונטערנעמונגען און אנדערע. ווייל די באפעלקערונג אין די שטעטלעך איז געווען בלויז א יידישע און זיי האָבן געהאט שותפותדיקע ענינים — האָבן זיי זיך דאָך פארבונדן צוזאמען.

טראָכינבראָד (שפּעטער סאָפּיעווקא) האָט געציילט לערך 3000 נפשות און לאָזיטש (איגנאַטאָווקע) — 1000 נפשות, (זע העפטן א' און ב' פון „ילקוט וואָלין"). רואיק האָבן זיך געלעבט די יידן אין די שטעטלעך דורית־לאנג ביז דער נאצישער אָקופּאציע בעת וועלכער ס'זענען פארניכטעט געוואָרן כמעט אלע יידן, די געציילטע געראטעוועטע האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט.

אין ישראל האָבן דאָס ביסל לעבנגעבליבענע אויפגעשטעלט א פאָראיין, וועלכער האָט געגעבן הילף די געראטעוועטע, וועלכע זענען געקומען קיין ישראל, אין די פארשידענע פאָרמען. די וואָס האָבן עמיגרירט אין אנדערע לענדער, האָבן מיטגעארבעט מיטן פאַראיין און מיט געמיינזאמע כוחות האָבן זיי אויפגעשטעלט א בנין צום אָנדענק די 2 קהילות, וועלכער איז באקאנט מיטן נאָמען „בית טל". דאָס בויען האָט זיך אָנגעהויבן אין 1955 און געענדיקט אין 1959. דער בנין דינט איצט אלס צענטער פאר די לעבנגעבליבענע פון די שטעטלעך. אין אים איז איינגעאָרדנט געוואָרן א זאל פאר 150 פערזאָן און א שול פאר 60 פערזאָן. דאָרט פירט זיך די טעטיקייט פון ארגון.

די טראָכינבראָדער און לאָזישטשער אין קליוולאנד (אמעריקע) האָבן, אויסער זייער מיטהילף אויפצובויען דעם בית ט"ל אויך געשפּענדעט אדאנק דער איניציאטיוו פון ה' אליהו און רבקה פוטאש א וווּנדערבארן ארון־קודש אין שול און צוגעשיקט 5 ספרי־תורה. זיי שטייען אין פארבינדונג מיטן ארגון. ס'איז געשאפן געוואָרן א גמילות־חסדים ליי־קאַסע, וואָס באזיצט שוין 150.000 לירעס און גיט הלוואות און הילף אָן צינזן, אדאנק דער מיטהילף פון לאנדסלייט אין פילאדעלפיע.

די מיטגלידער פון ארגון שטייען אין קאָנ־טאַקט מיט די חברים אין חוץ לארץ, זיי פאַר־געסן נישט זייער חוב פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קדושים, קרבנות פון די נאַציס, און האָבן אינטערעס צום פּראָיעקט פון וועלט־פאַר־באַנד פון וואָלינער יידן (די פעדעריישן אין אמעריקע).

אליעזר ברקאי

# קאָפּאַטשאָוו

פון א דאָרף פון טשעכן האָט זיך קאָפּאַטשאָוו צוביסלעך אנטוויקלט אלס יידיש שטעטל, אויף א זייטיקע וועג פון קאָוועל (18 ק״מ), האָלאָבי (16 ק״מ) און טריסק (14 ק״מ). פון די 40 טויזנט טשעכן וואָס האָבן געלעבט אין וואָלין, האָבן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט אין קאָפּאַטשאָוו אונטער דער צארישער הערשאַפט העכער 300 משפחות (בערך 1500 נפשות). און שפּעטער אונטער דער פּוילישער הערשאַפט בערך 400 משפחות. כמעט אלע האָבן געהאַט האָפּן־פּלאַנטאַציעס און געמישטע לאַנדווירט־שאַפט און זענען געווען גוט איינגעפונדעוועט.

ביז דער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1917 האָבן געלעבט אין קאָפּאַטשאָוו א 50 יידישע מש־פּחות וועלכע האָבן געהאַט פּרנסה בכבוד. ווען דער ישוב האָט זיך פאַרגרעסערט, אונטער דער פּוילישער הערשאַפט זענען צוגעקומען נאָך א 100 יידישע משפחות, צוזאַמען 800 נפשות. צווי־שן זיי און די טשעכן האָבן געהערשט גוטע שכנישע באַציאונגען. די יידישע הויפּט־באַשעפ־טיקונג איז געווען מסחר און מלאכה. אָבער ס׳זענען אויך געווען משפחות וואָס האָבן געהאַט קליינע פאַרמעס.

אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָר־הונדערט האָט זיך קאָפּאַטשאָוו פאַרוואַנדלט אין א יידיש שטעטל מיט אלע אירע חסרונות און מעלות. ס׳זענען געווען דאָרט 2 שולן, א רב און א שוחט וואָס האָבן באַדינט אויך דאָס נאָענ־טע אַזיראַן און געפירט דאָס יידישע לעבן פון דער קהילה.

אין 19־1918 זענען אדורכגעגאַנגען דורך קאָ־פּאַטשאָוו און דורך די דערפער פון אומגעגנט מיליטערישע באַנדעס פון אוקראַינער און גע־מאָרדעט יידן און צענדליקער יידישע משפחות פון די ארומיקע דערפער האָבן אריבערגעוואַנ־דערט, זוכנדיק שוץ אין קאָפּאַטשאָוו, און דער דאָרטיקער יידישער ישוב האָט זיך פאַרגרעסערט. גלייכצייטיק זענען אויך אויפגעשווימען פאַר־שידענע פּראָבלעמען, ווירטשאַפטלעכע און אַנ־דערע, אָבער נאָכדעם ווי דאָס שטעטל איז אריי־בער אין פּוילישע הענט האָט זיך די לאַגע ווי ס׳ניט איז געבעסערט. און אזוי אין משך פון א צוואַנציק יאָר, ביז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט אין גאַנץ וואָלין און אויך, פאַרשטייט זיך, אין קאָפּאַטשאָוו.

די רוסישע אָקופּאַציע און דאָס אריינמאַרשירן פון רויטן מיליטער אין 1939 האָבן פאַרענדערט דאָס שטעטל לחלוטין און שווער געטראָפן אין יידישן לעבן. מלחמה־באַדינגונגען, אומזיכערהייט אין מאָרגנדיקן טאָג און דאָס אריבערפירן אלץ אין רעגירונגס־הענט, האָבן אָנגעוואָרפן אומרו־איקייט און שרעק. פאַרשידענע באַפעלן טאָג־איין טאָג־אויס האָבן רואינירט די אלגעמיינע באַפעלקערונג און בפרט די יידן. ווען ס ׳איז אויסגעבראָכן דער קריג צווישן רוסן און די נאַציס (1941) האָט זיך די יידישע יוגנט אָר־גאַניזירט אין רוסישן מיליטער, עלטערע זענען געשיקט געוואָרן אויף ארבעט און דאָס שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן אויסליידיקן.

די נאַציס האָבן אָנגעהויבן ארויסווייזן זיי־ערע אכזריות לגבי די יידן, די טשעכן האָבן זיי ניט אָנגערירט, אויסער דאָס קאָנפיסקירן שפּייז־פּראָדוקטן. די עלטערע טשעכן האָבן אָנ־געהויבן אויסוואַנדערן קיין טשעכיע, די לאַגע פון די יידן איז געוואָרן אלץ ערגער און ערגער. די טשעכן האָבן זיי געהאָלפן און געשטיצט אויף

וויפיל זיי האָבן נאָר געקאָנט. א סך יידן זענען זיך צעלאָפן, ניט וויסנדיק אליין וווהין.

ס'האָבן אָנגעהויבן אָנקומען שלעכטע בשורות פון אנדערע ערטער. מ'איז מער נישט געווען זיכער מיטן לעבן. אין א געוויסן טאָג איז אָנגעקומען א באַפעל אַרייסצוגיין, אלע יידן צוזאמען, גרויס און קליין, „צו ארבעט". אוקראַינער, צוזאמען מיט געסטאַפּאָווצעס האָבן געטריבן די יידישע עדה אין נאָענטן דאָרף שושי־באבא. דאָרט האָבן זיי שוין געט־אָפּן אלע יידן פון אַזיראַן און פון די ארומיקע דערפער. נאָך אין זעלבן טאָג זענען אלע געפירט געוואָרן צו די גריבער נעבן אלטן קריסטלעכן בית עולם און עטלעכע הונדערט משפחות זענען גלייך דערשאָסן געוואָרן. די קערפערס זענען אריינגעוואָרפן געוואָרן אין די גריבער און פארשאָטן געוואָרן. פויערים וואָס האָבן דאָס געזען פונדערווייטנס זענען געשטאנען און זיך געצלמט, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט א סך פון זיי קומען דערנאָך און אויסקנעמען די אָנגעוואָרפענע שיך און קליידער פון די דערשאָסענע.

ווייניק יידן, צווישן זיי אויך פון מיין פאַמיליע, האָבן באוויזן, אין לעצטן מאָמענט, אנטלויפן אין נאָענטן גרויסן וואלד ליטין, וואָס האָט געהערט צום פּאָליאַק שימאָווסקי. זיי האָבן דאָרטן שרעקלעך געליטן און געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט. א טייל, צווישן זיי אויך מיין פאָטער איסר פעפער, מיין ברודער, מיינע שוועסטער שפרה און שרה און די קליינע טאָכטער בינה זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין וואלד. עטלעכע זענען אריבער צו די פארטיזאנען. צווישן די לעבן־געבליבענע, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין ישראל, געפינען זיך: שמעון טליקאָווסקי און משה לאַנגער (אין פתח־תקוה און יהוד), מיין מוטער, מיין ברודער, מיינע שוועסטער ביילע, גיטל, פערל און הינדע און דער שרייבער פון די שורות — אין כפר מישר.

מאיר פעפער

# די גרויסע לוצקער שול

(אַ בלאַט פון פנקס הקהילה)

צוריק מיט יאָרן האָט אָנגעפירט מיט דער גרויסער **אלטער שול אין לוצק א גבאי, ר'** אלתר מינדעלעס, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין שטאָט. א שיינער ייד, הויך, שלאַנק און פול מיט חשיבות. זייענדיק רייך האָט ער געשטיצט פיל יידישע אנשטאַלטן אין לוצק. מען האָט אים געהאלטן פאר אן עקשן, ווייל ווען ער האָט עפּעס פארטראַכט האָט ער אָנגענומען אלע מיטלען זיין פּלאַן אויסצופירן.

די גרויסע שול וואָס איז אלט געווען לערך 500־600 יאָר (געשענקט פון פוילישן קעניג זיגמונד וואזער דער דריטער) האָט אויסגעזען ווי א פעסטונג, באַצירט מיט מאָזאיק און קליינע קאָלירטע פענצטערלעך.

די ווענט אינעווייניק אין שול זענען געווען באַצירט מיט פארשידענע חיות און פייגל, וועלכע פלעגן אָנוואַרפן א מורא אויף גרויס און קליין מיט זייער שווידערלעכער פראַכט. ווען מען האָט באַדאַרפט קאַלכן און פאַרבן די שול אין די צייטן פון דעם גבאי ר' אלתר מינדעלעס האָט מען פיל זיך מתוכח געווען צו פאַרקאלכן די חיות אָדער נישט און ווען די קאַלכערס האָבן אָנגעהויבן ארבעטן האָט זיי אָנגעכאַפּט א מאָדנע שרעק און זיי האָבן זיך אנטזאָגט פאַרזעצן די אַרבעט, אָבער דער גבאי — דער עקשן האָט זיך ארויסגעשטעלט און אויסגעזוכט אנדערע מאָלערס און געקומען מיט זיי אויסצופירן די ארבעט. דאָ האָט פּאַסירט א שרעקלעכע דערשיינונג: באלד ווי דער מאָלער האָט דעם ערשטן שמיר געטאָן אויף א געמאָלטער חיה אין אָנוועזנהייט פון גבאי האָט זיך דערהערט א יאָמערלעכער געשריי

פון וועלכן דער גבאי ר׳ אלתר איז דערציטערט געוואָרן און געפאַלן אויפן אָרט אין חלשות.

די אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. ווען מען האָט אויפגעהויבן דעם גבאי איז ער געווען פאַראַליזירט, אָן לשון. דער פאַל האָט אַרויסגערופן א רעש אין שטאָט.

אין א צייט אַרום ווען דעם גבאי ר׳ אלתר איז בעסער געוואָרן פלעגט ער זיך שלעפּן מיט א שטעקן אין זיין ציטערדיקער האַנט צו דער שול איז וועלכער די געמאָלטע חיות און פייגל האָבן ווייטער באַשיינט די ווענט.

סילוויע באַרדיטש־גאָלדבערג

# אין די טעג פון פעטליוראַס הערשאַפט

דאָס יאָר 1918. קיין סאַרני זענען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די באָלשעוויקעס האָבן גובר געווען די פעטליורצעס אין אוקראַינע, האָבן שוין פאַרנומען די הויפּט־שטאָט קיעוו און די אוקראַינישע רעגירונג האָט זיך צוריקגעצויגן אין דער ריכטונג פון זשיטאָמיר און קאָראָסטען סאַרני, וועלכע האָט זיך שוין פון יאָר 1915 געפונען נאָענט צום דייטשן פראָנט נעבן טייך סטיר ביי מאַניעוויטש, איז אויפגעשטורעמט געוואָרן; די שפּאַנונג איז געשטיגן און א שרעק איז באַפאַלן די אָרטיקע יידן, קיינער האָט זיך דאָך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די מאַכט־ענדערונג איז א פראַגע בלויז פון געציילטע טעג.

אָבער נאָך 2־3 טעג — אין דער נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק — האָט מען געהערט אין שטאָט, וועלכע עס שניידט דורך די אייזנבאַן, אַן אומגעוויינלעכן רעש. באַוועגונג פון אָנקומענדיקע צוגן. אינדערפרי האָבן זיך באַוויזן אין די גאַסן באַנדעס פון אוקראַאינישע זעלנער, וועלכע האָבן ממש פאַרפלייצט די שטאָט, געראַבעוועט און צעשטערט אַלץ וואָס ס׳איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. דער פרייטיק איז דורך פול מיט בהלה און שרעק. די אָנפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט דעם צווייטן טאָג — שבת — און האָבן זיך פאַרוואַנדלט ממש אין א פּאָגראָם אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק: א גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט אָפּטע שיסערייען און גוואַלד־געשרייען פון געשלאָגענע און פאַרוואונדעטע יידן. דאָס יידישע לעבן און פאַרמעגן איז געוואָרן הפקר.

זונטיק האָבן געפּרוּווט איניקע פאָרשטייער פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג זיך דערלאַנגען צו דער באַן־סטאַנציע און זוכן שוץ ביי דער מיליטער־מאַכט. אָבער די צעיושעטע היידאַמאַקעס האָבן זיי אויפן וועג געשלאָגן און צעטריבן. היות איך האָב דאַן אַמטירט אַלס סעקרעטאַר פון סאַרנער געריכט, האָב איך צוזאַמען מיט דעם ריכטער קריזשעצקי, וועלכער איז געווען אויך דער געוויילטער פאָרזיצער פון סאַרנער שטאָט־פאַרוואַלטונג, ווי אויך מיטן געריכט־קאָמאַרניק קריניצקי (ביידע קריסטן) אָנגעטון אַלע אין די אַמטלעכע מונדירן, אַוועק צום וואָקזאַל זוכן עפּעס א מאַכט־אָרגאַן און בעטן שוץ פאַר דער באַפעלקערונג. אויפן וועג האָבן היידאַמאַקעס געפּרוּווט אויך אונדז פאַרהאַלטן און איניקע פון זיי האָבן זיך אפילו פאַרמאָסטן אויף אונדז מיט זייערע נאַהייקעס און ביקסן, אָבער אַדאַנק אונדזער שטעלונג און מונדירן האָט זיך אונדז דאָך איינגעגעבן צוקומען צום וואָקזאַל. אַלע באַן־ליניעס זענען געווען פאַרפולט מיט אוקראַאינישע מיליטער־עשאַלאָנען. מיר האָבן זיך געווענדעט צו פיל אָפיצירן און זעלנער זיי זאָלן אונדז פירן צום מיליטערישן שטאָט־קאָמענדאַנט, אָבער פיל האָבן אונדז אויסגעלאַכט און אַנדערע האָבן נישט געוווּסט ווו אַזאַ קאָמענדאַנט געפינט זיך. ענדלעך האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַן איידעלערן אָפיציר, וועלכער האָט אונדז אַוועקגעפירט אויף א ליניע לינקס פונעם וואָקזאַל, ווו ס׳זענען געשטאַנען עטלעכע שטאַרק באַוואַכטע שלאָף־ און סאַלאָן־וואַגאָנעס. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין איינעם פון די וואַגאָנעס און

אונדז פאַרגעשטעלט פאַר אַ מיטליאָריקן מיליטערמאַן. מיר זענען געווען זיכער, אַז מיר האָבן פאַר זיך דעם קאָמענדאַנט פון שטאָט און האָבן אים געבעטן באַשיצן און אָפּשטעלן די אָנפאַלן און רויבערייען. דער דאָזיקער מיליטערמאַן האָט אונדז געלאָזט שטיין די גאַנצע צייט, אויסהערנדיק אונדזערע טענות און געזאָגט אַז אוקראַיִנישע זעלנער מאַכן נישט קיין אָנפאַלן אויף רואיקע בירגער. אָבער נאָך אונדזערע ווייטערע אויפקלערונגען און פאָדערונגען האָט ער לסוף געהייסן זיין אַדיוטאַנט אַרויסשיקן אַ פּאַטרול איבער דער שטאָט. דערמיט האָט זיך די אוידיענץ געזאָלט פאַרענדיקן. אין דער לעצטער מינוט אָבער איז מיר איינגעפאַלן צו בעטן ביי אים „פּראָפּוסקן", כדי מיר זאָלן קענען ווען ס'וועט נויטיק זיין, צוקומען צו אים נאָכאַמאָל. זיין אַדיוטאַנט האָט דאַן פאַרצייכנט אונדזערע נעמען, איז אַרויס און שפּעטער מיט עטלעכע מינוט זיך צוריקגעקערט מיט 3 פּאַפּירלעך, זיי געגעבן אונטערצושרייבן דעם מיליטערמאַן און יעדן פון אונדז איבערגעגעבן אַ פּראָפּוסק. פּלוצים האָט דער ריכטער קריזשעצקי צו מיר אַ ווונק געטון און ווייזט מיר אָן אויף דעם שטעמפּל און אונטערשריפט: „זשוקאָווסקי פאַרטרעטער פון קריגס־מיניסטער". אָן איבעראַשטער באַמי איך זיך צו באַהערשן און ווענד זיך נאָכאַמאָל צו אים מיט דער בקשה, אַז אַזוי ווי מיר האָבן שוין זוכה געווען אויפגענומען צו ווערן דורכן פאַרטרעטער פון קריגס־מיניסטער אליין, ווילן מיר זיין זיכער, אַז ער וועט נעמען אין שוץ די פרידלעכע סאַרנער באַפעלקערונג און וועט שיצן דאָס לעבן און פאַרמעגן פון די אָרטיקע יידן א. א. וו. ערשט דאַן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף זיין בייזן פּנים. ער האָט אונדז געבעטן זיצן, פאַרפירט מיט אונדז אַ לענגערן שמועס און פאַרענדיקט, אַז הגם צוליב סטראַטעגישע סיבות האָבן די אוקראַיִנישע כוחות און רעגירונג פאַרלאָזן צייטווייליק אַ גרויסן טייל פון אוקראַיִנע און אויך קיעוו, וועלן זיי דאָך אינגיכן באַזיגן די באָלשעוויקעס, זיך צוריקקערן א. א. וו. לסוףביים אָפּשיידן זיך, האָט ער אונדז צוגעזאָגט צו פאַרשטאַרקן די שמירה אין שטאָט און זאָרגן ס'זאָל זיין אָרדענונג.

צוריקקערנדיק זיך שוין אין אָוונט פון דער אוידיענץ, האָבן מיר געהערט שיסערייען און געשרייען פון די צעיושעטע היידאַמאַקעס און הילפסרופן פון זייערע קרבנות. במשך פון דער קומענדיקער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק האָבן די היידאַמאַקעס אַ סך יידן פאַרווונדעט און איייניקע דערמאָרדעט. צווישן זיי מיכאל שוואַרצטוך און יהושע זאַלצמאַנס — דעם שמשס זון. דערשיטערטע פון די רציחות, בין איך צוזאַמען מיטן ריכטער קריזשעצקי, מאָנטיק ווידער אַוועק צו דעם אויבנדערמאָנטן וויצע־מיניסטער זשוקאָווסקי. די „פּראָפּוסקעס" האָבן אונדז געהאָלפן און מיר האָבן זיך דערלאַנגט צו אים פיל לייכטער. ווען מיר האָבן אים דערציילט וועגן דעם טרויעריקן מצב אין שטאָט און וועגן די געפאַלענע קרבנות, האָט ער זיך אָנגעכמורעט, אַרויס פון זיין וואַגאָן און צוריקקערנדיק נאָך עטלעכע מינוט, האָט ער אונדז אַוועקגעפירט אין אַ צווייטן סאַלאָן־וואַגאָן. דאָרט האָט ער אונדז אַריינגעפירט צו אַ ציווילן הויכן זייער בייזן הער, וועלכער האָט אויף אונדזער באַגריסונג קוים עפּעס אַ מרוקע געטאָן. ווען מיר האָבן פאַר אים זיך באַקלאָגט אויף די רציחות און אָנפאַלן אויף פרידלעכע בירגער און געבעטן שיצן דאָס לעבן און פאַרמעגן פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט אונדז דער דאָזיקער הער בייז געענטפערט לויטן באַקאַנטן פּזמון, אַז די אַלע מעשים זענען נאָר פּראָוואָקאַציעס מצד די אָרטיקע באָלשעוויקעס, כדי צו קאָמפּראָמיטירן און פאַרשוועכן דעם גוטן נאָמען פון דער אוקראַיִנישער אַרמיי א. א. וו. לסוף, ווי פון יוצא וועגן, האָט ער אַ בורטשע געטאָן צו זשוקאָווסקין: „שיק אַרויס סיטשעוויקעס". און איז פאַרשווונדן. דערמיט איז די אוידיענץ פאַרענדיקט געוואָרן. לויט דער מיינונג פונעם ריכטער איז דער בייזער הער געווען דער אוקראַיִנישער פּרעמיער־מיניסטער בכבודו ובעצמו.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן זיך טאַקע באַוויזן אין שטאָט גרעסערע פּאַטרולן פון סיטשע־

וויקעס (מיט די קוטאסן אויף די קעפּ), וועלכע זענען אָנגעגאַנגען אַלס סאָלידערע און דיסציפּלינירטע אוקראַינישע זעלנער, און זיי האָבן צעיאָגט אַסך היידאַמאַקישע באַנדעס. די אָנפאַלן און רויבערייען האָבן אויך נאָכדעם אינגאַנצן נישט אויפגעהערט, אָבער סאַרנער יידן זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ מאַסן־פּאָגראָם. לויט די שפּעטערדיקע ידיעות האָבן די אוקראַינישע באַנדעס און באַזונדערס אונטער דער אָנפירונג פונעם טרויעריק־באַרימטן אַטאַמאַן קאָש פּאָגראָמירט און אויסגעשאָכטן די יידישע באַפעלקערונג כמעט אין אַלע שטעט אויפן וועג פון זייער ריקצוג אונטערן דרוק פון די באָלשעוויסטישע כוחות. אין גאַנץ וואָלין איז דאָס יידישע לעבן און פאַרמעגן געוואָרן הפקר און אויך ראָוונע האָט דערזעלבער גורל נישט אויסגעמיטן. די אָרדענונג אין דער סביבה און די זיכערקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז צוריקגעשטעלט געוואָרן דורך דער דייטשער אַרמיי, וועלכע האָט אַ קורצע צייט נאָכדעם אַריינמאַרשירט קיין אוקראַינע מיטן העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי. ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז די זעלבע דייטשן וועלן מיט בערך 20 יאָר שפּעטער ווערן די מלאכי המוות און רוצחים פון 6 מיליאָן יידן, בתוכם פון גאַנץ וואָלינער יידנטום וועלכע זיי האָבן אומגעבראַכט מיט אכזריות, וואָס שטייגט ווייט איבער די מעשים פון די פּעטליוראַס, קאָשס, כמעלניצקיס און אַ סך אַנדערע רוצחים.

משה בורקא

## וויצע פאַרזיצער פון וואָלינער וועלט־פאַרבאַנד שפּענדעט נאָך 10,000 דאָלאַר פאַר היכל וואהלין

**א יומטובדיקע שטימונג האט געהערשט אויף דער זיצונג פון וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידנטום נאָכן לייגן דעם גרונטשטיין פאַרן היכל וואהלין: א חלום פון צוויי צענדליקער יאָרן פון וואָלינער יידן אין דער גאַנצער וועלט ווערט פאַרווירקליכט!**

דער דערהויבענער מצב רוח איז אויך געשאַפן געוואָרן א דאַנק דער פייערליכער מעלדונג פון וויצע פאַרזיצער פון וועלט־פאַרבאַנד ה׳ לעא טשעקעווער און זיין פרוי, פרוי טאַניא טשעקעווער, אז זיי באַשלאָסן צו שפּענדן א צווייטע גרעסערע סומע פון 10,000 דאָלאַר פאַרן אויפבוי פון היכל וואהלין און פאַרשטאַרקן זייער טעטיקייט אין ישראל און אַמעריקא, צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון וואָלינער אומגעקומענע און קהילות.

אויף א צווייטער זיצונג האט דאס פּרעזידיום פון וועלט־פאַרבאַנד, אין פולן צוזאַמענשטעל, באַשלאָסן, אַלס דאַנק־אויסדרוק, רופן די ביבליאָטעק אין היכל אויפן נאָמען פון די אומגעקומענע און זיליקע פאַמיליעס פון די שפּענדער.

פרוי און ה׳ טשעקעווער פון נתניה זענען בעקאַנטע מעצענאַטן אין ישראל, בפרט אויפן געביט פון קינדער־דערציונג צווישן די נייע עולים. זיי האָבן זיך געשטעלט אין די רייהען פון אַקטיווע מיטהעלפער אויפבויען דעם „היכל וואהלין״.

א. הדרי



# פערזענליכקייטן

## שמחה אווערבוך

אוועקגענומען געווארן פון אונדז כ״ג אייר תשכ״ה אין קיבוץ „גן־שמואל״. געווען א טייע־רער, איידעלער מענטש. זיך אויסגעצייכנט אויף א סך געביטן אין אויסלאנד און אין ישראל.

שמחה דער זון פון ליפא און רבקה אווערבוך (זי — די טאכטער פון ר׳ אפרים יוסף גאלדמאן פון פלאטניצע) איז געבוירן אין ראוונע אין



1909, פון די ערשטע אביטוריענטן פון תרבות־גימנאזיע דארט, געווען טעטיק אין „השומר הצעיר״־בעוועגונג און איינער פון אירע צענ־טראלע אנפירער אין וואלין.

די יוגנט פון ראוונע און אומגעגנט, וואס פון אנהויב צוואנציקסטן יארהונדערט איז געווען אדורכגעדרונגען מיטן ציוניסטישן געדאנק, האט זיך ארגאניזירט אין פארשידענע יוגנט־ארגאני־זאציעס. „השומר הצעיר״ איז געווען צווישן די בולטע פון זיי און פיל פון דער בעסערער יוגנט האט אנגעערט צו איר.

שמחה האט געבראכט מיט זיך אין דער באוועגונג פון די גייסטיקע אייגנשאפטן פון זיין זיידן ר׳ אפרים יוסף און פון זיין עלטער־זיידן ר׳ יום־טוב שמחה, לאהישינער רב — חסידישע התלהבות, ברען, האפנונג און גלויבן אין זיין אידעאל און מסירות נפש. מיט זיין כח און טאלאנט האט ער משפיע געווען אויף יוגנטליכע, וועלכע זיינען אים נאכגעגאנגען און זיך צוגעש־טעלט אין די רייען פון „השומר הצעיר״.

שמחה איז אויפגעטרעטן אין פארשידענע פונקטן אין וואלין און אויסער וואלין, האט גערופן צום נאציאנאלן־חלוציש אידעאל און אומעדום געשאפן א נייע אטמאספערע. ביז היינט צוטאג געדיינקען א סך סארנער זיינע בעזוכן אין „קן״, זיינע דערקלערונגען און לערנען, און די קולטור וואס האט פון אים געשפרודלט. און אזוי אומעדום. אומעדום האט ער געזייט און אנגעצונדן דעם ציוניסטישן פונק אין די הער־צער און פערגרעסערט זיין בעוועגונג. זיין חלו־צישע הכשרה האט שמחה אדורכגעמאכט אין דער בעוווסטער פארם אין טשענסטאכאוו, אויך דארט איז ער געווען פון די ערשטע און זוכה געווען זיין פון די ערשטע עולים פון דער פינפ־טער עליה (1929).

אין ארץ ישראל איז שמחה געגאנגען גלייך אין קיבוץ. זיין ערשטן וועג האט ער געמאכט מיט די גרינדער פון קיבוץ בנימינה וואס האט זיך דערנאך פעראייניקט מיט גן־שמואל. ער האט געארבעט ביי פלאנצן, אין פרדס, און פון צייט־צו־צייט אנטייל גענומען אין געראנגל אויף יידישער ארבעט אין די קאלאניעס פון שומרון און שנעל זיך אייגעווארצלט אין לעבן פון קיבוץ.

אין 1933 איז ער געפארן אין שליחות פון זיין בעוועגונג קיין ליטע און געשיקט געווארן פון דארט אלס דעלעגאט צום 18־טן ציוניסטישן קאנגרעס. צוריקקומענדיק האט ער געהייראט מיט זיין חברטע לאה, וועלכע האט אים בעגלייט אין אלע זיינע מעשים.

שמחה איז געווען א מענטש א דענקער, א אידעאליסט און געקעמפט פאר זיינע אנשויונגען. האט פארעפענטליכט א בוך „תמורות״ (דיפע־

רענציאלן) איבער פראבלעמען פון סאציאליזם און ארבעטער־בעוועגונג אין לאנד. פערפענט־ליכט עסייען און פארשונגן און רעדאקטירט „מארקסיסטישע העפטן" און מאנאטשריפט „בשער". (אין טויער). אבער זיין לעבנס־ווערק איז געווען דאס איבערזעצן פון קארל מארקס „קאפיטאל" אין עברית. יארן־לאנג איז ער גע־ווען פערזונקען אין אט דער ארבעט און זיין אפגעשוואכטע כוחות האָבן אים לאנגזאם אָפּ־געלאָזן. ער איז געשטארבן מיט דער פעדער אין דער האנט.

האט איבערגעלאזן אנ'איינציקע טאכטער — אסתר.

שרה טורקעניץ־קאצמאן.

## פון א בריוו פון א חבר איבער שמחה אווערבוך

כ'האב געקענט שמחה'ן פון אנהויב פון אונדזער בעוועגונג אין וואלין. אין בעגעגענישן מיט אים אין שטעגן פון פערווירקליכונג אין לאנד האב איך געזען פאר זיך א זעלבסשטענ־דיקע, גייסטרייכע פערזענליכקייט מיט אייגנ־שאפטן פון דענקען און טיפקייט, הערליכקייט און אויפטו־אין־צניעות.

אט די טייערע אייגנשאפטן זיינען געווען די געבענטשטע קוואלן פון וועלכע ער האט גע־שעפט בעת זיין שאפן און דענקען, און זיי האבן געווירקט אויפן אמת און לויטערקייט פון זיין געדאַנק. שמחה האט געדינט אלס מוסטער פאר אונדז אלעמען מיט זיין שטילער התמדה, מיט זיין אייביקן שטרעבן צו פערטיפערן און אויפ־קלערן פראבלעמען פון יחיד און געזעלשאפט און צו געפינען א וועג פאר די פארפלאנטערטע פון זיין תקופה. שמחה האט געהערט צו די גרונטלייגערס, צו די וועלכע בויען א ציגל אויף א ציגל. ער איז אנטלאפן פון פרסום און כבוד און זיך שטענדיק אפגעגעבן מיט „תורה ועבודה". אלע זיינע באקאנטע האבן אים דערפאר טיף געערט און אפגעשאצט. ס'טרויערט דאס הארץ וואס ס'אוועק פון אונדז, פאר דער צייט, א מענטש, א חבר, א לערער, א וועגווייזער.

ישׂשכר

# יצחק גאָרנשטיין

יצחק גאָרנשטיין שטאמט פון א סוחריש־באלע־באטיש, זייער אָנגעזעענער, יחוסדיקער משפחה אין ראָוונע, די פרוי א טאָכטער פון א ראָוו־נער רב.

יצחק גארנשטיין איז געווען דער פירער פון א האנדלס־פירמע פון אימפאָרטירטע סחורות, וואס האט באלאנגט צו זיין שוועסטער מאטל פערלצווייג.

זעלטן ווען זאל זיך אין איין פערזאן צוזאמענ־פלעכטן אזויפיל מעלות. יצחק גארנשטיין האט פארמאגט אין זיך גוטסקייט, אנשטענדיקייט און מענטשלעכקייט, א גוטן כאראקטער און זיין באַ־נעמונג צו די ארומיקע.

אן איבערצייגטער סאציאליסט און איבערגע־געבענער בונדיסט, זיינע מעשים זענען אלעמאל געווען אין אפקלאנג מיט זיינע סאָציאליסטישע פרינציפן.

די פרוי און קינדער, זיין הויז, אלץ האט געאטעמט מיט דעם זעלבן גייסט. אין הויז פון דער פאמיליע גארנשטיין האט מען זיך שטענ־דיק געפילט ווי אין א באמת סאציאליסטיש־בונדישער היים.

יצחק גארנשטיין איז ניט געווען אריינגעטאן אין די טאג־טעגלעכע פארטיי־געזעלשאפטלעכע אקטיוויטעטן, וועלכע זענען אין ראוונע מער־סטענטייל געווען פארבונדן מיט דער ארבעט

פון די בונדישע פארשטייער אין שטאט־ראט, קהילה, און באזונדערס אין די פראפעסיאנעלע פאריינען. טראץ דעם האט יצחק גארנשטיין געלעבט אין געאטמעט מיט אלץ וואס איז בונדיש, געזארגט וועגן דער פארטיי אלס גאנצע, וועגן אלץ וואָס איז געווען פארבונדן מיטן בונד, געזארגט וועגן יעדן בונדיסט באזונדער. אין אלע מינים בונדישע אקציעס האט גארנשטיין אריינגעטראגן זיין באזונדערן חלק. עס איז גאנץ נאטירליך, אז אין פערזאן פון יצחק גארנשטיין האט ספעציעל די יידישע שול־באוועגונג אין רעאקציאָנערער פוילן געהאט איינעם פון אירע איבערגעגעבנסטע פריינט און טוער. געווען אלעמאל אקטיוו אין די צישא שול־אנשטאלטן אין ראוונע ווען אזעלכע האבן עקזיסטירט, מיטגעמאכט דאן אלע שוועריקייטן פון אויסהאלטן די שולן, וועלכע זענען געווען אונטער דעם שטענדיקן אנגריף פון די פוילישע רעאקציאנערע מאכט ארגאנען אויף די א. ג. מזרח קרעסן, אויף די געביטן נאענט צו דער רוסיש־סאוועטישער גרענעץ, ווי ראוונע האט זיך געפונען.

די ארבעטער באוועגונג בכלל, די בונדישע באוועגנוגונג בפרט, איז געווען אויסגעשטעלט אויף גרויסע שוועריקוטן. די ספעציפישע פאליטישע אטמאספער אויף די גרענעץ געביטן, ביי באדינגונגען, וועלכע האבן זיך שטארק אונטערשיידט פון פאָליטישן לעבן אין אנדערע געגנטן אין פוילן. אין קאמפף מיט דער ארטיקער אוקראינישער באפעלקערונג, זענען דורך די פוילישע מאכט ארגאנען אנגעווענדעט אויסנאם געזעצן. דער אנטיסעמיטיזם אין פוילן בכלל, האט זיך שטארק געלאזט פילן אויף די גרענעץ געביטן.

אין די סוחרישע קרייזן מיט וועלכע יצחק גארנשטיין איז געווען פארבונדן, איז ניט אלעמאל געווען פארשטענדלעך זיין אנטייל אין דער בונדישער און שול באוועגונג. די קרישטאל ריינע פערזענליכקייט פון חבר יִצחק, זיין אויסערגעווינטלעכע ארנטלעכקייט, האט אבער געשאפן צו אים א פולן רעספעקט אויך אין די סוחרישע קרייזן.

אין די וויטערדיקע יארן, ווען די צישא שולן זענען דורך דער פוילישער מאכט ענדגילטיק ליקווידירט געווארן אין ראוונע, זענען אלע דערפאלגרייכע אקציעס פאר דער צישא באוועגונג אין פוילן, סיי אין מאטעריעלן, אויך אין מאראלישן זין, אין א גרויסע מאס געווען צו פארדאנקען אין דער ערשטער ריי דעם חבר יצחק גארנשטיין. אין דער צייט פון דער יערלעכער אקציע פאר דער צישא האבן פאר אים קיין שום פריוואטע, אויך געזעלשאפטלעכע ענינים ניט עקזיסטירט, דאס הויז פון די גארנשטיינס איז געווען דער שטאב פון אקציע קאמיטעט. און אזוי איז דאס אנגעגייען יארן, שווערע יארן פאר יידן אין פוילן.

אין סעפטעמבער 1939 ווערט ראוונע אקופירט דורך דער רויטער ארמיי. צווישן פיל טויזנטער יידן וואס לויפן אין דער ריכטונג קיין מזרח צו דער סאוועטישער גרענעץ געטריבן פון דער דייטשער אינוואזיע פארהאלטן זיך אין ראָוונע פיל בונדיסטן.

וי אלע אנדערע האנדלס־אונטערנעמונגען אין שטאָט, ווערט אויך די אונטערנעמונג פון גארנשטיינס שוועסטער געשלאסן און גרייט צום קאנפיסקירן. אויף אן אויסערגעווינטלעכן אופן האט זיך איינגעגעבן ארויסבאקומען און ליקווידירן די סחורות, דאס געלט גייט ארויסהעלפן די בונדיסטן.

אין אט דער שווערער צייט איז נאך מער אנטפלעקט געוואָרן די חבר׳שע און מענטשלעכע נשמה פון יצחק גארנשטיין. אין הויז פון די גארנשטיינס ווערט יעדער וואנדערנדער בונדיסט באזארגט ממש מיט אלץ וואס יענער דארף אין צייט פון פארהאלטן זיך אין ראוונע, און אויף זיין ווייטערדיקן וואנדער וועג. עס ווערט ארויסגעוויזן מצד דעם חבר גארנשטיין און זיין משפחה אזויפיל מענטשלעכקייט, נשמהדיקייט און מיטגעפיל, וואס לאזט זיך ניט באצייכענען, און אַלץ ווערט געטאן מיט אזא נאטירליכקייט.

אלס סאציאל נישט געווונטשענער עלעמנט, בעת דער פאספארטיזאציע, דורכגעפירט דורך

סאוועטישער אקופּציע־מאכט, באקומט יצחק גארנשטיין מיט זיין פאמיליע א פאספארט מיט דעם א. ג. פאראגראף עלף, וואס דערלויבט אים נישט לענגער פארהאלטן זיך אין זיין היים־שטאט ראוונע.

מיט זיין פאמיליע באזעצט זיך יצחק גארנ־שטיין אין שטעטל קאסטאפאל, ביי ראוונע. דארט איז חבר יצחק מיט זיין פרוי און צוויי טעכטער אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשע מערדער און זייערע אוקראינישע ארויסהעלפער. עס זענען לעבן געבליבן צוויי זין, איינער אין רוסלאנד, דער צווייטער אין פאריז.

דאס טייערע געשטאלט פון יצחק גארנשטיין ווי א מענטש׳ ווי א סאציאליסט קאן קיינמאל פערגעסן ווערן.

שייע שיחאטאוו

# מלכה־לאה גוטמן

דער נאמען פון מלכה־לאה גוטמן איז געווען אין קראסילאוו און אין אומגעגענט א שם־דבר. זי איז געווען 23 יאר אלט און האט געדינט אלס ציוניסטישע אינסטרוקטארן פארן יוגנט. הויך געוויקסיק, קלוג און שיין און שטענ־דיק פול מיט לעבנס־פרייד. זי האט באזיצט יידישע און אלגעמיינע בילדונג און אינטעליגענץ פון זעלבסט לערנען אין די באדינגונגען פון איר קליין שטעטל.

מלכה־לאה איז געווען ווי א באהערשענדע פערזענליכקייט און איר ווירקונג איז געווען גרויס אויף יעדן מיט וועמען זי האָט געהאט פירבינודנג. זי האָט פארגעשטעלט א אידעאלן טיפ פון א יידישער פעהיקער געזעלשאפטליכער טוערין אויפן נאציאָנאלן געביט אין יענער צייט. זי האָט אנגענומען דעם פליכט פון אינסטרוק־טירן די יידישע יוגנט נאך אין אירע יינגע יאָרן און מצליח געווען דערציען דעם דור פון איר געגענט.

די תקופה איז געווען א צייט פון ליידן און פיין. די יידישע באפעלקערונג האט פיל איבער־געלעבט אין אירע צייטן אויף וואלין און אוקראינע, ס׳זענען ניט געווען געעריקע באדינ־גונגען פאר נאציאנאלער טעטיגקייט, אבער מלכה־לאה מיט איר שטארקן ווילן האט באוויזן שאפן און טאן וואס אנדערע האבן ניט באוויזן, און זי איז פארבליבן אומפארגעסן.

איר לעבן האט זיך געענדיקט זייער טראַ־גיש.. דעם צווייטן טאג שבועות (תרע״ח—1918) האבן זיך ארייַן געריסן פעטלורעס היידאמאקן אין דער שטוב פון מלכה־לאהס עלטערן, זיי האבן פארוואונדעט איר ברודער און געהאלטן ענדיקן זיין לעבן, דאן האט זיך אוועקגעשטעלט מלכה־לאה געגן זיי באשיצענדיק איר ברודער. די היידאמאקן האבן איר דערהרגט אויפן ארט.

גרויס איז געווען דער טרויער אין קראסי־לאוו נאך די קרבנות פון די ווילדע היידאמאקן און באזונדער פון דער באליבטער אידעאלער מלכה־לאה, די טאכטער פון ר׳ אריה־לייב גוטמאן, א ייד א תלמיד־חכם וואס איז שטענדיק געזעסן און געלערנט און קארעספאנדירט מיט רבנים — שאלות ותשובות, ניט וועלענדיק אננעמען א רבנות אין א וועלכער ס׳איז שטאט.

ישראל סבוראי (סערעבריער)

# פאמיליע אלטערקאַווסקי



איינע פון די בעוויסטע משפחות פון פער־גאנגענעם דור אין קליין וואלינער שטעטל באראנאווקע איז געווען די פאמיליע אלטער־קאווסקי, אין וועלכער ס׳האבן זיך פאראייניקט, בוכשטעבליך, תורה וגדולה ומעשים טובים.

ר׳ אהרן שלמה, דער ראש פון דער משפחה, איז געווען א טראדיציאנעלער ייד, א משכיל. געהאנדלט האט ער מיט וועלדער, א עסק וואס האט געבליט און מפרנס געווען הונדערטער משפחות, יידן און גוים, אין מאניעוויטש און באראנאווקע און אומגעגנט. איז געווען בעוווסט אלס ארנטליכער מענטש „צו גאט און צו לייט". געפירט א פשוט לעבן, אן גדלות, געטון טובות און געשיצט נויטבאדערפטיקע און אנשטאלטן מיט א ברייטער האנט.

אלטערקאווסקי האט אויך געשטיצט דער ציוניסטישער באוועגונג פון אנהויב־אן און ניט געזען קיין סתירה צווישן זיינע רעליגיעזע גע־פילן און איבערצייגונג און ציוניסטישע שטרע־בונגן, ווי אנדערע אין יענער צייט. די פאר־געשריטענע יוגנט האט זיך דעריבער בעצויגן צו אים מיט כבוד.

זיין פרוי יהודית איז געווען א אשת חיל מיט אלע מעלות פון א צדקנית. אנ׳איידעלע און באהילפיקע, האט זי מיטגעהאלפן איר מאן אין זיינע היפלס־מעשים און צדקה. איר הויז איז געווען אפן פאר ארימע לייט און נויטבאדער־פטיקע און שטענדיק האט מען געקענט ביי איר טרעפן מענטשן וואס זיצן און עסן...

אויך תורה האט זיך געהערט פון זייער הויז. בפרט שבת און יום טוב, ווען ר׳ אהרן פלעגט זיך צוריקציען פון זיינע געשעפטן און געווידמעט זיין גאנצע פרייע צייט פאר תורה און תפילה.

צו בויען דעם בית מדרש אין באראנאווקע האט ר׳ אהרן מנדב געווען אויסער האלץ אויך מזומנים און געהאלפן ארויסענדיקן דעם בנין פון די טריסקער חסידים. ער איז געווען א חסיד פון ר׳ מרדכי׳לע טווערסקי און געהאלטן פאר אים א בעזונדער צימער פאר זיינע בעזוכן אין שטעטל.

ווען ס׳איז אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מל־חמה האבן זיך זיינע געשעפטן אויפגעערט. ער איז אריבער קיין קיעוו און געווארן א „יורד". נאך דער מלחמה, אין 1919, האט ער זיך צוריק־געקערט קיין באראנאווקע מיט דער האפנונג אויפבויען אויפס׳ניי זיינע געשעפטן, אבער ס׳האבן זיך אנגעהויבן די בלוטיקע טעג פון די אוקראינישע רדיפות און שחיטות אויף יידן און אלטערקאווסקי איז אינגאנצן רואינירט געווארן.

אלטערקאווסקי האט געהאט זין און טעכטער (געציילט 18 אייניקלעך). זיינע קינדער זענען אומגעקומען בעת דער נאצישער שחיטה אין פוילן. 7 פון זיינע אייניקלעך געפונען זיך אין אמעריקע און איינער — אין ישראל. ר׳ אהרן איז נפטר געווארן אין 1920 אין עלטער פון 74 יאר. נאך אים איז געשטארבן זיין פרוי יהודית.

דב דהרי

# ידיעות

## אין דער פעדעראציע פון וואָלינער יידן אין אמעריקע

זינט די פעדעראציע איז רעגיסטרירט געוואָרן האָט זיך פאַרשטאַרקט די טעטיקייט פאַרן אויפשטעלן דעם „היכל וואָלין" אין ישראל. עטלעכע „סאָסייטעס" האָבן זיך פאַרפליכטעט באַשטעלן צימערן אין דעם „היכל" צום אָנדענק פון זייערע חרוב געוואָרענע קהילות און שאפן די נויטיקע 5000 דאָלאַר צו דעם צוועק.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע ארבעט ווערט פאָרגעזעצט און ס'זענען צוגעקומען צענדליקער וואָלינער „סאָסייטעס" וועלכע ווערן אקטיוו לטובת דעם דאָזיקן הייליקן צוועק. צו דער צענטראַלע פון וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער לאַנדסלייט אין ישראל (תל־אביב ת. ד. 2540) זענען איבערגעוויזן געוואָרן באַדייטנדע סומעס געלט (פון ניו יאָרק, לאָס־אנדזשעלעס, ראָטשעסטער און אנד.) פאַרן אויפשטעלן דעם „היכל וואָלין", וועלכן מ'פּלאַנט אָנצוהייבן בויען אין דער נאָענטסטער צייט. די טעטיקייט וועט זיך פאַרברייטערן מיטן אָנהויב יאָר תשכ"ו מיט די צוגעקומענע אקטיווע מיטאַרבעטער ווי ה' י. סודאק, ב. קרעווענס, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט די פעדעראציע ביים לייגן דעם גרונטשטיין פאַר „היכל וואָלין".

## אין די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל

### אָסטראָה

דער פאַרבאַנד ציילט בערך 600 משפחות, אַלע עולים פון אָסטראָה. די גמילות חסדים־קאַסע זאָרגט און העלפט ארויס נייע עולים, פון נאָך דער מלחמה און פאַרטיילט הלוואות. צוריק מיט 2 יאָר איז דערשינען דער יזכור־בוך אָסטראָה, וואָס נעמט ארום די טויזנט־יאָריקע געשיכטע פון אָסטראָה (אין ארגענטינע איז דערשינען א בוך איבער אָסטראָה אין יידיש). לעצטנס ווערן געזאַמלט שפענדונגען אום צו ווידמען א צימער אין „היכל וואָלין" צום אָנדענק פון אָסטראָהער קהילה און אירע קדושים. אָסטראָהער יידן אין אמעריקע זענען פאַרבינדן מיט דער פעדעראציע פון וואָלינער יידנטום און זענען טעטיק.

אדרעס אין תל־אביב: מ. אילון, רח' בורוכוב 32.

### האָראָכאָוו

יאָר־איין יאָר־אויס קומט פאָר א יזכור־אָוונט צום אָנדענק פון די קדושים. דער קאָמיטעט פון פאַרבאַנד איז געווען פון די גרינדער פון וועלט־פאַרבאַנד פון וואָלינער יידנטום. פיל אַכט איז געווידמעט געוואָרן דאָס זאַמלען מאַטעריאַל וועגן שטעטל און איינגיכן וועט דערשיינען א יזכור־בוך. דער פאַרבאַנד שטרעבט פאַרזיכערן א צימער אין „היכל וואָלין" צום אָנדענק פון דער קהילה. אדרעס: משפּ. ברגר, רח' אנטאָקאָלסקי 15, תל־אביב.

### טראָכנבראָד־לאָזיטש

א 120 משפחות בילדן דעם פאַרבאַנד פון ביידע שטעטלעך אין ישראל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט 30 יאָר צוריק, מיטן אָנקומען אהער פון די ערשטע חלוצים. דער פאַרבאַנד האָט אַנטוויקלט א גרויסע הילפס־אַקציע פאַר מיטגלידער, פאַראייביקט דעם אָנדענק פון די קדושים אין „מרתף השואה" אין ירושלים און דער עיקר־אויפטו — דאָס אויפבויען פון „בית ט"ל" אין גבעתיים. הלוואות ווערן געגעבן חברים אָן כ־אָצענט. דאָס אַלץ — א דאַנק אונדזערע חברים פוןביידע שטעטלעך אין אויסלאַנד און אין דער שפּיץ: די עסקנים אברהם און שיינדל פּאַטאַש און שמואל דראַזשנער אין פילאַדעלפיע, אין קליוולאַנד און אַנדערע.

## לודוויפאל

דער פארבאנד עקזיסטירט שוין עטלעכע יאָר און איז טעטיק אויפן געביט פון פאראייביקן דעם אָנדענק פון לודוויפאָלער קדושים און טראָגן הילף פאר די נייע עולים. אין גיכן וועט דער־שיינען אין העברעאיש און יידיש א בוך צום אָנדענק פון לודוויפאָלער קהילה, רעדאקטירט פון ח׳ ב. אילון, רעדאקציע־מיטגליד פון „ילקוט־וואלין״ און רעדאקטאָר פון ספרים וועגן וואָלי־נער קהילות. דער פארבאנד שטייט אין קאָנ־טאקט מיט לודוויפאָלער אין אויסלאנד, גע־הערט צום וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידנ־טום און איז טעטיק לטובת „היכל וואָלין״.

## טרוביץ

אין ישראל האָבן זיך קאָנצענטרירט 50 פאמיליעס, געראטעוועטע פון די נאצים, וואָס האָבן אויפגעשטעלט דעם פארבאנד. זיי זענען זיך נוהג פארזאמלען יעדעס יאָר אין תשעה באב אלס יאָרצייט פון די קדושים פון שטעטל. זייער אָנדענק איז פאראייביקט אין „מרתף השואה״ אויף הר ציון און א וועלדל איז פארפלאנצט אויף זייער נאָמען אין „יער הקדושים״. לעצטנס ווערט געזאמלט מאטעריאל כדי ארויסגעבן א יזכור־בוך. דער פארבאנד האָט זיך אָנגעשלאָסן אין וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידנטום.

## מלינאוו-מורעוויץ

דער קאָמיטעט פון פארבאנד האלט פאר זיין הייליקן פליכט דאָס פאראייביקן די קדושים פון מלינאָוו־מורעוויץ. צו דעם צוועק זענען דעראָ־בערט געוואָרן צוויי גרויסע ביכער־שענק מיט מארמאָר־טאָוולען פאר דער שול פון ביליינ־שולע אין תל־אביב און א פאָנד פון 3000 ל״י פאר 3 יערלעכע סטיפענדיעס פאר נויטבאדערפ־טיקע שילער. יעדעס יאָר ווערט איינגעאָרדנט א טרויער־אָוונט צום אָנדענק פון דער קהילה און קדושים. לעצטנס זאמלט דער קאָמיטעט מאטעריאל אום ארויסגעבן א יזכור־בוך און איז טעטיק פארן אויפבוי פון „היכל וואָלין״.

קאָמיטעט־מיטגלידער: בת־שבע בן אליהו, שמואל מאנדלקאָרן, מיכאל גבעוני, אסף ליטוואק, אהרון הררי, יהודה בן־אליעזר, ליפא האלפערן, יחיאל שערמאן און מנדל טייטלמאן.

## דעמידאוווקע

א גרויסע טייל פון דעמידאָווקער עולים זענען געקומען קיין ישראל נאָכן צווייטן וועלט־קריג. דער קאָמיטעט האָט געזאָרגט פאר דעמידאָווקער עולים וויפל ער האָט נאָר געקענט. א זאמלונג „שטעטל דעמידאָווקע״ איז דערשינען אין חודש ניסן תשכ״ב ווו ס׳איז געבראכט געוואָרן די געשיכטע פון יידישן שטעטל, געשטאלטן, פאָרטרעטן א. א. וו.

כדי צו פאראייביקן דעם אָנדענק פון דעמי־דאָווקע און אירע קדושים, פירט דורך דער קאָ־מיטעט א זאמלונג לטובת „היכל וואָלין״ און האָפט צו זאמלען 15 טויזנט פונט און ווידמען א באונדער צימער אין היכל פאר דעמידאָוו־קער קדושים.

חברים פון קאָמיטעט: אליהו קאָלטון, שרה שקאָלניק, רעזניק.

## האשטש

די עולים פון האָשטש האָבן זיך אָרגאניזירט אין ישראל בערך מיט צוואנציק יאָר צוריק. יע־דעס יאָר ווערט איינגעאָרדנט אן אזכרה צום אָנ־דענק פון די קדושים. לעצטנס קומט פאָר די אזכרה אויפן בית הקברות קרית שאול ווו ס׳זע־נען באהאלטן געוואָרן ביינער פון האָשטשער קדושים און ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן א מצבה מיט א רשימה פון אלע קדושים פון שטעטל. דער יאָרצייט־טאָג פאלט אויס ערב סו־כות און אלע האָשטשער מיט זייערע פאמיליעס קומען צו דער אזכרה.

דער פארבאנד איז געווען צווישן די גרינ־דער פון וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידנטום און האָשטשער עסקנים שטייען בראש פון פאר־באנד. האָשטשער פארבאנד אין ישראל שטייט

אויך אין אן ענגן קאָנטאַקט מיט זייערע ברידער אין אויסלאנד, וועלכע העלפן זיי אין זייער טעטיקייט.

צום אָנדענק פון דער חרוב געוואָרענער קהילה זענען דערשינען צוויי ביכער אין העברעאיש און יידיש. ס'עקזיסטירט א גמילת־חסדים קאָסע מיט א קאפיטאל פון 30 טויזנט פונט. די קאסע האָט פארטיילט הלוואות האָשטשער עולים און געהאָלפן 300 נייע פאמיליעס מיט 300 פונט יעדער פאמיליע אויסער הלוואות. דאָס יאָר האָט געגרינדעט דער קאָמיטעט א סטיפּענדיעס־פאָנד פאר שילער און סטודענטן און צעטיילט 3 סטי־פענדיעס אויף א סומע פון 700 פונט, אלס אָנהויב.

דער פארבאנד האָט באשטעלט א צימער אין היכל וואָלין צום אָנדענק פון האָשטשער קדושים ווו ס'וועט געפירט ווערן די טעטיקייט פון פארבאנד.

די חברים פון איצטיקן קאָמיטעט: זאב אפּ־ער — פּאָרזיצער, הערצל אָל — סעקרעטאר, יעקב סמאָלע — קאסירער און די חברים: זלמן אפרת, יוסף פינגערהוט, יעקב אוטשניק און פּעסיא לינקאָווסקא. קאָנטראָל־קאָמיטעט: פּסח קרענצבערג, קאָפּל קאטשקאָ און מאיר מעליס. אדרעס: אפּטער, שדרות קרן קימת 21, תל־אביב.

## טשודנאוו

מיטן גרינדן זיך פון וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידנטום האָט זיך אָרגאניזירט אין ישראל דער פארבאנד פון טשודנאָוווער עולים. ס'איז געשאפן געוואָרן א קאָנטאַקט מיט טשוד־נאָוווער אין אויסלאנד און יעדעס יאָר קומט פאָר אן אזכרה־אָוונט.

אין ישראל געפינען זיך עטלעכע צענדליק פאמיליעס פון טשודנאָוו, די מערהייט פון דער דריטער עליה. ס'זענען אויך דאָ געצײלטע פון דער שארית הפליטה. פון די אָנגעזעענע פון פארבאנד איז געווען דער לערער און פּעדאגאָג ר' יונתן שרוני, דער זון פון לעצטן טשודנאָוווער רב הרב מאָסיק, נפטר געוואָרן דאָס יאָר.

טשודנאָוווער פארבאנד איז טעטיק אין וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידן אין ישראל.

טשודנאָוווער לאנדסמאנשאפט אין אמעריקע האָבן געשפּענדעט א צימער אין „היכל וואָלין" צום אָנדענק פון זייער אומגעקומענער קהילה. דער באקאנטער מעצענאט ה' לעאָטשעקוועך שטעלט אויף די ביבליאָטעק אין „היכל וואָלין" אויף זיין רעכענונג.

אדרעס אין ישראל: א. דליגץ, רח' ארלו־זורוב 35.

## סארנע

נאָך פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן סארנער עולים זיך ארומגעטראָגן מיטן געדאנק גרינדן א פארבאנד, וואָס זאָל ארומנעמען אלע סארנער, אָבער דער געדאנק איז אויסגעפירט געוואָרן ערשט נאָך דער מלחמה, מיטן אָנקומען קיין ישראל סארנער עולים, געראטעוועטע פון די נאציס, נאָכן אויסהערן באריכטן פון שרעק־לעכן חורבן האָבן זיך געשטארקט די סאָלידא־ריטעט־געפילן — און י"ד אלול תש"ט (1949), דער יאָרצייט פון דער פארניכטעטער קהילה, איז פאָרגעקומען דער ערשטער יזכור־אָוונט מי־טן אָנטייל פון 500 צוהערער. אין יזכור־אָוונט אין א יאָר ארום (1950) איז באשלאָסן געוואָרן גרינדן דעם סארנער־ און אומגעגנט־פארבאנד און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן א קאָמיטעט, וואָס איז טעטיק אויף פאָלגנדע געביטן: דאָס איינאָרדענען יערלעכע פארזאמלונגען לזכר די קדושים; עס זענען געפלאנצט געוואָרן בוימער נאָך זייער אָנדענק אין „יער הקדושים"; עס זע־נען ארויסגעגעבן געוואָרן אָנדענקס־טאָוולען צו פאראייביקן זייערע נעמען; א בעכער אש פון זייער קבר איז באהאלטן געוואָרן אין „מרתף השואה" אויף הר ציון אין ירושלים; ס'דאָרט אויפגעהאָנגען געוואָרן א שילד צו זייער אָנ־דענק; הילף ווערט געגעבן אלע נויטבאדערפ־טיקע און בפרט נייע עולים.

דער עיקר־אויפטו איז אָן שום ספק דאָס א־רויסגעבן דעם יזכור־בוך אין א פיינעם פאָר־מאַט. דער פארבאנד איז צווישן די גרינדער פון וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידנטום. קאָמי־טעט־מיטגלידער פון פארבאנד: משה בורקא

— פאַרזיצער; יעקב צוק (קאַטעלטשוק) — וויצע־פאַרזיצער; אריה גור — סעקרעטאר; משה יוז — קאסירער און שלמה זאנדוויס, עדינה לידסקי און גרעץ בארזאם.

## שומסק

דער פארבאנד עקזיסטירט שוין יאָרן־לאנג. צווישן אנדערע האָט אָנגעפירט מיטן פאַרבאנד ר׳ ישראל סודמאן ז״ל. איינע פון די וויכטיקסטע אויפטועו פון פארבאנד — דאָס גרינדן די גמילות־חסדים־קאסע (5000 ל״י). הלוואות ווערן געגעבן אָן פראַצענטער. 1000 בוימער זענען געפלאנצט געוואָרן אין „יער הקדושים״ אויפן נאָמען פון שומסקער קדושים. הילף איז געגעבן געוואָרן די נייע, געראַטעוועטע עולים. דער פארבאנד געהערט־אָן צום וועלט־פארבאנד פון וואָלינער יידנטום. איז אַקטיוו און גרייט זיך ארויסגעבן א יזכור־בוך צום אָנדענק פון דער אומגעקומענער קהילה.

אדרעס: פ. לערנער, רח׳ הירדן 8, תל־אביב.

## ראקיטנע און אומגעגנט

אין ישראל לעבן היינט צו טאָג א 300 ראַקיטנער פאמיליעס (איינשליסלעך ראַקיטנער געגנט). דער פארבאנד פון ראַקיטנער עולים איז געגרינדעט געוואָרן אין 1943. א סך פון די ניי־אָנגעקומענע האָבן באקומען הילף פון קאָמיטעט. ס׳איז געפלאנצט געוואָרן א וועלדל אין יער הקדושים און אן אָנדענקס־טאָוול איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין „מרתף השואה״ אין ירושלים. מ׳גרייט צו צום דרוק א יזכור־בוך צו דער געשיכטע פון דער קהילה ביז איר חורבן. דער פארבאנד איז אָנגעשלאָסן צום וועלט־פארבאנד פון עולי וואָלין.

חברים פון קאָמיטעט: אהרן חירותי, אהרן ליפשיץ, חנן חצובי, שמריהו קרבי, חיים שטיינמאן, בנימין מודריק און יששכר טורוסמאן. אדרעס: ת. ד. 2255, תל־אביב.

## טארטשין

נאָך דער הילפס־אקציע פאר דער שארית הפליטה אין ישראל און דאָס פלאנצן א וועלדל אויפן נאָמען פון טאַרטשינער קדושים אין „יער השואה״ איז טעטיק לעצטנס דער פארבאנד פאר אויפבויען דעם „היכל וואָלין״. צו דעם צוועק איז פאַרגעקומען א פארזאמלונג פון טאַרטשינער עולים וועלכע האָבן זיך פארפליכטעט זאמלען 2־3 טויזנט לירות. אויך אין אמעריקע זאמלען טאַרטשינער יידן פאר דעם צוועק און זיי זענען רעפרעזענטירט אין פעדעראציע־קאָמיטעט פון וואָלינער. אדרעס: גב׳ ר. ברענער, דרך חיפה 43, תל־אביב.

---

יזכור־ביכער פון די וואָלינער קהילות וועלכע זענען שוין דערשינען (לויט א״ב):

„ילקוט ווהלין״ 17 זאמל־ביכער (2 בענדער) אָסטרע, אוזדיטיטש, אסטילע, בערעסטעטשקע, בערדיטשעוו, בארנאָווקע (אין אמעריקע) דעמידאָווקע, דאָמבראָוויץ, דרושקאפאל, האָשטש, וולאדימירעץ, וויסאָצק, זוויהל, יאמפאָלע, לוצק, לודמיר, גרויס־מעזשיריטש, מיזוטש, סארנע, פאטשאיעוו (אין אמעריקע), קרעמעניעץ, קאָוועל, קאָרעץ, קאמענא־קאשירסק, ראָוונע, ראטנע (אין ארגענטינע).

עס געפינען זיך אין דרוק און ווערן דערשיינען: דובנע, האָראָכאָוו, טוטשין, סעלישטש־לודוויפאָל, ראקיטנע, ראדזיווילאָוו.

ב״ה

# מגילת היסוד לבנין
# היכל וועהלין
## להנצחת קהלות ישראל בוועהלין וקדושיהן.

היום יום ס״ז בתשרי התשכ״ו (12 באוקטובר 1965), שנת „חי״ לקיומה של מדינת ישראל העצמאית, אנו, שרידי היהדות הוועהלינית במדינת ישראל, בארצות הברית וביתר התפוצות, מניחים אבן פינה על חלקת קרקע שהוקדשה על די עירית גבעתיים לבנין אשר יקרא היכל וועהלין, להנצחת עולם ולזכר עד לקהלות וועהלין, קניניהן הרוחניים, תפארת עברן וערכי החיים שהיו בהן ולקדושי וועהלין שאבדו בשואה הנאצית בשנות התש״א—התש״ד.

היכל זה יזכיר לבאיו את מורשת אבותיו הנעלה וישמש מרכז ובית ועד ליוצאי וועהלין בישראל וברחבי העולם; בו יתכנסו השרידים ובני הדורות הבאים להעלות זכרון אבותיהם הקדושים אשר נפלו על קידוש השם וקידוש ישראל בידי הצורר הנאצי ומריעיו; בו ייאספו ויינצרו יצירותיהם הרוחניות והאמנותיות של גדולי הרוח ואנשי המופת של יהדות וועהלין לכל פזוריה, שנוצרו במשך הדורות ונצלו מכליון, לזכרון, לחקר ולהמשכת השרשרת.

יהי רצון שהיכל וועהלין יבנה במהרה וימלא את יעודו במלואו כמשאלת בוניו.

במעמד נעלה זה, בנוכחות הקהל שנתאסף לטקס, ממשיכי השלשלת של קדושי וועהלין, אנו נציגי האגוד העולמי של יוצאי וועהלין נוטלים על עצמנו, על דעת הקהל ובני וועהלין בעולם, להקים את ההיכל ולקימו כיאות לתפקידיו.

כה יעזור לנו האלוהים וכה יוסיף.

(חתימות)

ב״ה

# די גרונטשטיין־מגילה
# פון בנין היכל וואלין
## צו פאראייביקן די וואלינער יידישע קהילות און קדושים.

היינט, 17 טען אין חודש תשרי התשכ״ו (12 אוקטובר 1965), אין 18־טן יאהר פון אומאפהענגיקייט פון מדינת ישראל, אויפן פלאץ געשענקט פון דער שטאט פארוואלטונג גבעתים, לייגן מיר — די פארבליבענע רעשטן פון וואהלינער געביט אין ישראל, אמעריקע און אין אַלע אנדערע לענדער — דעם גרונטשטיין פארן בנין פון „היכל־וואהלין״. צום אייביקן אנדענק און אלס מאנומענט פאר די וואלינער קהילות, זייערע גייסטיקע דערגרייכונגן, רייכן עבר און לעבנס־ווערטן, און פאר די וואלינער קדושים וועלכע זענען אומגעקומען בעת דער נאצי קאטאסטראפע אין די יארן התש״א—התש״ד.

דער דאזיקער היכל וועט דערמאנען די רייכע ירושה פון פריערדיקע דורות, וועט דינען אלס צענטראלער טרעפפונקט פון די וואלין־אפשטאמיקע אין ישראל און אין דער גאנצער וועלט. אין אים וועלן זיך פארזאמלען די שארית הפליטה און די צוקונפטיקע דורות, כדי צו באעהרן דעם אנדענק פון זייערע עלטערן און קדושים, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קדוש השם און יידישן פאלק.

אין דאזיקן היכל וועלן אויפגעזאמעלט און אפגהיט ווערן די אוצרות פון די גייסטמענטשען און קינסטלער פונם וואלינער יידנטום, וועלכע זענען געשאפן געוואָרן אומעטום אין משך פון לאנגע דורות און זענען אפגעראטעוועט געווארן פון דער פארניכטונג. זיי וועלן דינען צום אנדענק, פארשונגען און פארזעצונג פון דער גאלדענער קייט.

יהי רצון אז דער היכל וואלין זאל איינגיכן אויפגעבויט ווערן און ער זאל דערפילן די שליחות ווי ס׳ווינשן זיך זיינע בויערס.

אין דעם פייערליכן מאמענט, אין דער אנוועזנהייט פון אלע דא פארזאמעלטע — פארזעצער פון דעם קייט פון די וואלינער קדושים, נעמען מיר — די פארשטייער פון וועלט פארבאנד פון די וואלינער לאנדסלייט — אויף זיך, אין נאמען פון אלע וואלין־אפשטאמיקע אין דער וועלט, אויפשטעלן דעם היכל און אים אויסהאלטן אנטשפרעכענד זיינע צילן און אויפגאבן.

אזוי זאָל אונדז השי״ת העלפן און שטארקן.

(אונטערשריפטן)

A NEW INTERNATIONAL SOURCE

FOR

## TUBE • EXTRUDED SHAPES
## TUBE MILLS • ROLL FORMERS

**MANUFACTURERS AND EXPORTERS OF**

| | |
|---|---|
| Aluminium tubes | Sizes: ½" — 14"; |
| Steel pipes | ½" — 2"; |
| Galvanised steel pipes | ½" — 2"; |

**ZINKAL LTD. can ship to you — or to your customers — in any part of the world.**

STAINLESS, BRASS & COPPER Roll FORMED Welded Seamless Tube, Polished and cut to length Sizes — ⅜" to 3" O.D.

ALUMINUM EXTRUSIONS
Solid shapes tube within a diameter of 2.56" (65mm)
Aluminium doors and windows.

TUBE MILLS a) To produce aluminum tube in sizes ⅜" to 10".
b) To produce stainless, brass, copper tube ⅜" to 3".

ROLL FORMERS To produce shapes according to your design.

TOP QUALITY • COMPETITIVE PRICES • FAST DELIVERY

**ZINKAL LIMITED** (Export Dedartment)

33 ALIYA STREET TEL AVIV. ISRAEL

## יכין חקל בע"מ

עיבוד פרדסים, קטיף ואריזה, שיווק יבולי פרדסים ותוצרת חקלאית אחרת. נטיעה חדשה של מטעים.

תעשית תוצרת לואי של פירות.

המשרד הראשי:

תל־אביב, שד' רוטשילד 22, בית צים,
ת ד. 332 טלפ' 58151

## סעו טייל ברחבי ישראל
עם



EGGED אגד

אדרעסן פון רעדאקציע און איגוד ווהלין:
פארוואלטונג: תל־אביב, רחוב אנטאקאלסקי 15, (ע"י צ. בערגער).
ביורא: תל־אביב, שדרות רוטשילד 30, ת. ד. 2540.
אפן: מאנטיק דינסטיק און דאנערשטיק צווישן 6.30—9 אלוועגט.

אויסגאבע: איגוד עולמי של יוצאי ווהלין. דרוק מפא"י ת"א